STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06447

TOYBN AFN DAKH

Avrom Gontar

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אווראָם גאָנטאר

טויב אויפן דאך

„סאָוועטסקי פיסאטעל"

מאָסקווע — 1969

א גרינע
צי א ווײַסע

דער גרעסטער ווונדער

צו יעדן ווונדער ווערט מען צוגעוווינט,
נאָר ביז אַצינד בין איך נאָך אַלץ דערשטוינט
פון גרעסטן ווונדער פון די ווונדער,
וואָס האָט קיין אָנהייב ניט אין די יאָרהונדערטס
און וועט ביז אייביקייט געדויערן, —
דער ווונדער פון געבוירן.

באַם וויגעלע פון ערשט געבוירן קינד,
וואָס ווייסט ניט פון קיין שלעכטס און פון קיין זינד,
וואָס ווייסט אפילו ניט דערפון,
צי לעבט עס שוין אונטער דער זון,
איך שטיי פאַרגאַפט און שטוין:
די גאַנצע וועלט באַדאַרף עס שוין,

מיט הענט און פיס און אפן העכסטן קאָל
עס פּאָדערט אַלץ און מיטאמאָל —
דער מוטערס ווארעמקײַט, איר מילדע שויס.
א נײַע וועלט פון קינד עס שרײַט ארויס —
און ליכטיק ווערט ארום,

געבענטשט עס איז דאָס הויז.

דאָס בייגעלע פּאַפּיר

איך וואָלט געקאָנט אפילע לײַגן דיר,
די לערכע אָפּנארן, אז זי זאָל מיינען —
זי הערט איר זיוועג אף א צווײַגל וויינען,
נאָר הארגע מיך, כ׳זאָל אָפּנארן דאָס בייגעלע
פּאפּיר,
דאָס ווײַסע בייגעלע, דאָס ריינע.

ווען מײַנע אויגן קוקן אף דיר בייז,
דו טראכסט, אז גאליק איז מײַן הארץ, מיסטאמע.
ס׳איז ניט אזוי.
דעם עמעס וויסן קאָן עפּשער א מאמע —
איר רוי־געפּיל דערשפּירט און ווייסט,
וואָס טוט זיך הינטער גרענעצן און צאמען.

איז גלייב, מײַן טײַערע, דו גלייב מײַן ליד,
זי וועט אונדז קיינמאָל ניט צעקריגן.
אויב האָסט אמאָל געכאפּט מיך בא א ליגן,
וואָס האָט דאָס הארץ דיר אָפּגעבריט,
האָט דאָך מײַן ליד דעם עמעס ניט פארשוויגן.

אויב זײַן א שטיין

אויב זײַן א שטיין איז שוין באשערט,
איז ניט אזא, וואָס ליגט אין דר׳ערד,
און ניט אזא, וואָס נעכט און טעג
ער שטייט דיר אין דײַן גלײַכן וועג.

אויב ס׳דארף דער שטיין א שטיין שוין זײַן,
איז זאָל אַן אָדלער זיצן
און זשמורען זיך פון צופיל שײַן
אף זײַנע הויכע שפּיצן.

אויב ס׳איז באשערט צו זײַן א שטיין,
פארבלײַבן זאָל ער ניט אליין,
נאָר זײַן פארמויערט אין א טורעם,
וואָס בײַשטיין קאָן דעם גרעסטן שטורעם.

א גרינע צי א ווײַסע

באלד
וועל איך דערציילן דיר א מײַסע.
א גרינע ווילסטו
צי א ווײַסע?
אויב א ווײַסע,
וועלן ווינטן הוליען,
פון שרעק וועסטו
זיך צו דער קישן טוליען,
פון אונדזער שוועל
א סטעזשקע וועט זיך שלענגלען
צום וואלד,
ווו בײַטשן פערל־טוי עס הענגען.

דער פראָסט איז רײַך,
ער קאָן פאר אלץ באצאָלן —
מיט זילבער־מינץ די קוסטעס,
די ביימער מיט קרישטאָלן.
דעם בער וועט ער פאַריאָגן
אין דער נאָרע,
מיט אײַז ארומוויקלען
באם דעמב די קאָרע.
שא, ווער דראפעט עס די שויב?
דאָס איז מיסטאמע
א שוואלב,
וואָס ניט געפאָלגט זי האָט די מאמע
און איז געבליבן הי.
עס טרעפט אזא מין אקשן!
דער פראָסט האָט זי דעריאָגט,
איז זי אין גלאָז פארוואקסן,
צעשפרייט די פליגל
און די נעגעלעך, ווי שפּאָרן,
און איז פארוואנדלט
אין אן אײַז־בלימל געוואָרן.
נארישער,
איך וועל דיך מער ניט שרעקן,

אָט וועל איך גלײַך
דעם פרילינג דיר אופוועקן...
קיין סאך באדארף איך ניט —
א וואָרט, א גראם, א שורע,
און ס'וועט די ערד א שפּריץ טאָן
פול מיט גוורע.
און יעדער גרעזעלע
א שווערד וועט ווערן,
און ס'וועט דער פראָסט
פארגיסן זיך מיט טרערן...
ווילסט,
וועל איך דערציילן דיר א מעשׂה,
נאָר זאָל שוין זײַן א גרינע,
ניט קיין ווײַסע.

יאם־לידער

1. מײַן ווילן

ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן דער יאם —
פארצאמט אים פאָרט דער ברעג,
ווי שטארק עס זאָל ניט זײַן דער טאן —
באזיגט אים פאָרט די זעג.

ווי שוואך מײַן ווילן זאָל ניט זײַן,
ווי קליין מײַן טרוים —
ער לייגט זיך אין קיין ברעג ניט אײַן
און ווייסט ניט פון קיין צוים.

2. שוואָכים

— דער יאם איז שיין!
— דער יאם איז טיף!
— דער יאם איז גרויס!
ווי האַלט ער עס,
דער אַלטער, אויס
די אַלע שוואָכים?
און איך וויל אויכעט זײַן א כאָכעם —
אים אויכעט זאָגן עפּעס צארטס,
און קומען זאָל עס פונעם טיפן הארץ.

— דער יאם איז טיף?
נאָר פון דײַן אויג ניט טיפער.
— דער יאם איז גרויס?
נאָר גרעסער איז דאָס אויג.

און אויב ער איז א בייזער און א שטיפער,
איז שטיפערישער, בייזער נאָך דײַן אויג.

אפילע ער —
דער בלויער,
גרינער,
שווארצער —
ניט פולער איז פון אויג,
וואָס לאָזט קיין טראָפּנדל אין זיך אריַין,
וואָס האָט אריַינגעזאפּט די קלוגע שיַין,
די לויטערע און בלענדיקע קאָלירן,
א הארץ א מערדעריש אפילע
זאָל קראפירן,
ווען ס'דרינגט אריַין אין דעם
די שפיל פון פארב און ליכט.

וואָס שמייכלסטו?
דו מיינסט געוויס,
דער גראם האָט מיך פארפירט?
ס'איז ניט אזוי,
ס'איז אלץ נאָר איבער דיר:
איך האָב געוואָלט דעם יאם היַינט לויבן —
האָב איך דערמאָנט זיך דיַינע אויגן.

3. גאָלד מיט זילבער

איך בין פון לאַנגאַנען
אין דיר שוין פאַרליבט.
באַטאָג האָסטו זילבער
געזיפּט און געזיפּט.
באַנאַכט האָסטו גאָלד
אויף די וועלן צעשאָטן
און פּלוצעם גענומען גאָר
לאַכן און שפּאָטן.
גענומען זיך וואַרפן אויף מיר,
ווי אַ ווילדער.
אָט ערשט אַזאַ זײַדענער,
ווייכער און מילדער,
דו האָסט מיך געקושט
אינעם האַלדז, אינעם שטערן,

איך זאָל גאָר ניט מיינען,
איך זאָל גאָר ניט קלערן,
אַז דו ביסט אַ קײַסן,
אַז דו ביסט אַ שלעכטער,
אַז דו קאָנסט צערײַסן,
צעשמײַסן, צעבײַסן,
זיך וואַרפן אַף ברעגן,
און טאַנצן, און שטיפן,
און שלעפן צום אָפּגרונט
פאַרלוירענע שיפן,
אַז פעלדזן געזונטע
צעשמעטערסט, ווי שפענער...

פאַרטאָג כאַפּסטו אוף זיך
נאָך לויטערער, שענער.
באַנאַכט האָסטו גאָלד
אַף די וועלן צעשאָטן,
אַף גאָלדענע סטעזשקעס
כ׳בין ווידער געטראָטן.
באַטאָג האָסטו זילבער
געזיפּט און געזיפּט,
און נאָכאַמאָל האָב איך
אין דיר זיך פאַרליבט.

4. יאם־שטיינדלעך

ס'איז עפּעס סוידעסדיקס אין זיי פאראן,
די וועל האָט זיי געבראכט פון טונקלע טיפן,
יאָרטויזנטער געפײַלט זיי און געשליפן —
איז יעדער שטיינדעלע אליין א יאם.

נייך, נייך,
איך וויל קיין סוידעס ניט דערגייך.
אין מאָסקווער צימער אין מײַן שטילן
זאָל דורך דעם זוניק־דורכזיכטיקן שטיין
די לויטערקײַט פון יאם זיך שפּילן.

5. געבעט

קיין ערד, קיין בוים, קיין שטיין אפילו,
נאָר וואסער, וואסער אומעטום.
איך וואָלט געטאָן צום יאם א טפילה,
איז קען איך ניט קיין טפילה טאָן.

איך וואָלט געבעטן אים מעכילה,
ער זאָל ניט שטורעמען אזוי,
כאָטש אף א רעגע ווערן שטילער —
אין שיף עס גייט צו קינד א פרוי.

6. העפקער

דער שווארצער יאם איז שיקער —
פארשײַט צום פעלדז ער אײַלט.
ער רײַסט פון לײַב זיך שטיקער,
דעם קאָפּ אין שטיין צעבײַלט.

איך קוק און בין מעקאנע
זײַן בייזער העפקער־שפּיל.
דאָס איז דערפאר מיסטאמע,
ווײַל איך בין שטענדיק שטיל,

אפילע ווען דער ווייטעק
דערגייט שוין ביזן האלדז,
אפילע ווען ס׳איז נייטיק
אין פײַער ווארפן אלץ.

אלעקסאנדער מאַטראָסאָוון

ווײַל כ׳זאָל ניט לעבן,
וועט זי אָנקומען, די שאָ,
און דאכטן וועט זיך מיר —
איך האָב געלעבט נאָך ווייניק.
און דו, איין ווײַל האָסטו געלעבט —
און שוין ניטאָ,
נאָר מיט דער אייביקײַט
האָסטו זיך דאן פאַרייניקט.

נאָר שטילערהייט פאַרלאָזן אָט די זון,
דעם הימל־בלוי, דעם שאָטן פון די ביימער?
ניין, ניין, איך האלט ניט פון דערפון!
און ווינטשן ווינטש איך דאָס ניט קיינעם.

און ווײַל איך בין אין לעבן שטיל געגאַן
און שאָטנדיק געוועזן כ׳בין שטענדיק,
איך וויל, אַז הילכיק זײַן עס זאָל מײַן לעצטער שפּאַן,
ווען מיט דער וועלט כ׳וועל האָבן אַלץ געענדיקט.

מײַן צאַרטער זון, מעקאַנע בין איך דיר,
ווי דו, באַם לעבן וויל איך זײַן באַשיידן.
צי וועל איך אָבער קענען צומאַכן די טיר,
ווי דו האָסט זי פֿאַרמאַכט באַ דעם צעשיידן.

ברויט

דאָס ברויט, וואָס געגרייט איז
בא מיר אפן טיש,
איז ערשט פונעם אויוון,
געשמאַק ס׳איז און פריש.
געבראַכט ס׳האָט אהערצו
פון סטעפעס דעם דופט,
א שקיָע־געזאַנג,
וועלכער הענגט אין דער לופט,
דעם פייַף פון דעם ווינט
און דעם ציטער פון זאַנג,
וואָס רייַף איז געוואָרן
פון רעגן־געטראַנק,
פון שוואַלב דעם געפלאַטער,
וואָס טוקט זיך אין ווייץ.

דער סקריפּ פון דעם מילשטיין
מײַן שטוב האָט פאַרפּלייצט.
דערזען כ׳האָב דעם גלאַנץ
פון א שטיפעריש אויג,
פאַרבראָנזעטע הענט
בא דעם פור׳מען א סטויג.
דערהערט כ׳האָב פונוויַיטן
דעם רויש פון קאָמבײַן —
די זון און דער שאָטן
אין שטוב איז אַרײַן.
די שטילקײַט פון דאָרפישער נאכט
כ׳האָב דערהערט.
כ׳האָב ווידער און ווידער
און ווידער געקלערט,
אז ברויט אפן טיש —
דאָס איז ניט אזוי פּראָסט,
ס׳האָט בלוט און ס׳האָט פײַער —
ס׳האָט ליבע געקאָסט.

פאַרוואָס נייגן זיך די ביימער

ווען ס'האָט די נאַכט
מיט פינצטערניש פאַרהילט דעם רוים,
דאַן האָט דער מוילעד
צווישן וואָלקנס זיך באַוויזן,
פאַרגאַנווּעט שטיל זיך צו אַ יונגן בוים
און מיט זײַן קרומען קלינגל
זיך פאַרמאָסטן אויף דער קרוין —
אָט־אָט וועט ער זי אָפּהאַקן,
און שוין...

נאָר ס'האָט דערזען דער ווינט
און אַ געשריי געטאָן פון שרעק,
און מיט דער בלעטער־שאַל פאַרדעקט

דעם ווײַסן שוואַנען־האַלדז
פון דער בערעזע —
און אָפּגעראַטעוועט דעם בוים דאָס לעבן.
פון דעמאָלט אָן
דער וואַלד זיך טיף פאַרנייגט
פאַר יעדן ווינטעלע,
וואָס לויפט פאַרבײַ דערנעבן.

קלאנג און פארב

כ'האָב קינדווײַז נאָך געוווּסט: ווען איך וועל שטאַרבן,
וועט אַלץ פאַרבלײַבן ווי געווען.
נאָר קיינער וועט ניט זען אזוי די פאַרבן,
ווי איך האָב זיי געזען.

כ'האָב קינדווײַז נאָך געוווּסט: ווען כ'וועל ניט ווערן,
וועט אַלץ פאַרבלײַבן ווי געווען.
נאָר קיינער וועט אזוי, ווי איך, ניט הערן, —
אנדערש וואָלט טשײַקאָווסקי ניט געווען, און ניט
שאָפּען.

א זעונג

מיט דער בערעזע זיך צעקריגט עס האָט דער דעמב,
לעמיַי זי שטייט אַזוי אין איינעם העמד,
צעכראַסטעט און צעפּאַטלט, ניט פאַרקעמט;
און ווו? צעווישן דעמבעס אין דער פרעמד,
און שטעקט נאָך אויס איר פּיסל אומפאַרשעמט,
אַז פון דער זון ס׳זאָל ווערן אָפּגעברענט.

האָט די בערעזע זיך צעיאָמערט אַף אַ קאָל,
און טרוי׳ריק־שטיל געוואָרן מיטאַמאָל:
ווען ניט די וואָרצלען, זי וואָלט אַוועק אין טאָל,
ווו ס׳שטייען אירע שוועסטער אָן אַ צאָל.

נאָר פּלוצעם האָט דער יונגער שטאָלצער קליאָן
זײַן שיינע קרוין צו איר אַ בייג געטאָן
און זי פאַרשטעלט מיט זײַנע צווײַגן־הענט
אַף צעפּיקעניש דעם גאַדלעסדיקן דעמב.

עס גייט דאָס אײַז

אף מאָסקווע־טײַך עס גייט דאָס אײַז —
איז דאָך א סימען, א באווײַז,
אז באלד וועט אָניאָגן א ווינט
און אָנרירן די צווײַגן לינד,
זיי אײַנרוימען א סאָד געשווינד:
— צעגרינט, צעגרינט!

פאר פרייד,
וואָס עס אנטלויפט דער פראָסט,
געפלאצט עס האָט א טערפקע קנאָספּ,
זײַן גרינע צונג ארויסגעשטעקט
דעם פראָסט, וואָס איז אין איינע שרעק
פון וואלד ארויס און מיטן ברעג
אוועק, אוועק...

איך שטיי און קוק, ווי ס׳גייט דאָס אײַז,
און ווייס, ס׳איז גאָר ניט קיין באַווײַז,
אַז אַלץ זאָל ווידער נעמען בלִיִען —
אַראָפּ אַ באַרג די יאָרן ציִען...
און עפּעס טוט דאָס האַרץ אַ קלעם.
וואָס איז? ס׳איז עפּעס דען געשען? —
מע דאַרף דערפֿון ניט קלערן.
אַ ווינט לויפֿט אָן
און טריקנט אויס די טרערן,
וואָס שטייען אין די אויגן אויף דער וואַך.
עס גייט דאָס אײַז,
און איך — איך שטיי און לאַך.

צו א זינגערן

דײַנע פרייליכע הענט,
דײַנע טרויעריקע פינגער!
אין זיי איז געווענדט,
צי ס'איז שווער,
צי ס'איז גרינג מיר.

יעדער זילב,
יעדער קלאנג
פון דײַן ליד, פון דײַן ניגן
איז דער זיפץ פון א זאנג,
ווען דער ווינט נעמט אים וויגן.

ס'איז מײַן מאמעס די ליד —
ס'איז איר שײַן,
ס'איז איר שאָטן.

ס'איז מײַן שוועסטערס געמיט
אין דײַן ניגון פארקנאָטן.

ס'איז מײַן זיידנס די „שער" —
און דו האָסט פארהיט זי.
ס'איז מײַן באָבעס די טרער —
אין דײַן אויג, זע איך, גליט זי.

פון דײַן קאָל,
פון די הענט,
פון די טרוי'ריקע פינגער —
פון זיי איז געווענדט,
צי ס'איז שווער,
צי ס'איז גרינג מיר.

דער אָפּשײַן פון טײַך און פון מײַנע אויגן

ווען דײַן האַרץ איז שטיל — ביסטו דאַן מײַן שפּיגל,
ווען דײַן האַרץ איז שטיל — ביסטו דאַן אַ וויגל.
כ׳שפּיגל זיך אין דיר און מיין, איך בין אַ שיינער:
ווײַזסט דאָך אַלץ קאַפּויר — די קוסטעס און די ביימער.

ווען דײַן האַרץ צעבראַוזט — בלאַנקסטו, ווי אַ מעסער,
ווען דײַן האַרץ צעבראַוזט — ווערסטו שטאַרקער, גרעסער.
דו צעבראָכסט מײַן לײַב, צעכוואַליעסט מײַנע אויגן,
ווי אַ קוסט, כ׳ווער קליין, און ווי אַ בוים, צעצויגן.

ווען מײַן האַרץ איז שטיל — זאָגן דאָס די אויגן,
ווען מײַן האַרץ איז שטיל — קאָן מען דעמלט גלויבן,
אַז איך האָב אין לעבן האָניק נאָר געשלונגען,
אַז די גאָלד׳נע פּאַווע האָט בײַ מײַן וויג געזונגען.

איז מײַן האַרץ צעבראָכן — דערצײלן אויף די אויגן.
באַגעגן מיך נישט דאָן — מײַן בליק וועט דיך צעשטויבן,
ווי דאָס בײזע וואַסער, דיר דײַן גוף צעברעכן,
ס׳וועט דיך מײַן שוואַרצאַפּל ווי מיט נאָדלען שטעכן.

מײַן נישט, צאַרטע, מײַן נישט, כ׳בין אַזאַ מין שלעכטער,
בײַ מײַן האַרץ צעבראָכן כ׳בין אַ שטרענגער וועכטער.

*

דער ווײַנשלבוים, וואָס קלאַפּט אין מײַנע שויבן,
ער בעט זיך: לאָז אַרײַן, איך שטאַרב פֿון קעלט.
דער ווײַנשלבוים וועט מיר געוויס ניט גלייבן,
אַז אַף זײַן אָרט כ׳וואָלט זיך אַליין געשטעלט.

אַז כ׳וואָלט געוואָלט, ווי ער, אום פֿרילינג בליִען,
זיך קושן מיטן ווינט, וואָס יאָגט פֿאַרבײַ,
אַז יונגע שוואַלבן זאָלן צו מיר פֿליִען
מיט פֿויגלשן געזאַנג און פּלאַפּלערײַ.

און זומער ווערן רײַף מיט פֿרוכטן זאַפֿטיק־זיסע,
וואָס זייער רום זאָל שעמען אַף דער וועלט.
מײַן בוים מײַן טײַערער, דו מעגסט עס וויסן:
איך בין מעקאַנע דיר, כאָטש פֿרירסט פֿון קעלט.

*

אין טיפעניש פון וואַלד,
ווו יעדער שאָרך איז א געהיימניס,
צעעפנט זיך דאָס הארץ
פאר מינדסטן קלאַנג.
דיביימער פלאַפלען
אזוי פראָסט און היימיש,
און ס׳דוכט זיך אויס,
אז לאַנג, שוין זייער לאַנג
האָסטו די שפראך פון וואַלד
פארשטאנען
און אַלץ געוווסט, און אַלץ געוווסט:
פארוואָס עס סוידען זיך די טאנען,
פארוואָס עס ברויגעזט זיך דער קוסט.

פארקלײַב זיך אין דער טיפעניש,
אין שאָטן,
מיט אויערן און אויגן
הער זיך אײַן.
אָט באַלד, אָט באַלד
וועט דיר געראָטן
דערגיין דעם סאָד.
עס צאַפּלט אױש דאָס בלוט
פון זיסן פּײַן.
נאָר טו זיך ניט קיין ריר —
וועסט אַלץ צעשטערן,
און ס׳וועט די ווײַל פאַרשווינדן
און צעגיין,
און דעמלט וועסטו בלויז שוין הערן
נאָר זיך אַליין, נאָר זיך אַליין.

*

אין הארטן שטיין פון הויכן בארג
האָט זיך א בוים פארוואָרצלט שטארק.
עס קוקט אראָפּ צום גרויסן יאם
זײַן ווילדער אויסגעקרימטער שטאם.
א פויגל פליט, און אין זײַן טרוים
א נעסט ער פלעכט זיך אפן בוים,
וואָס שטײַגט אריבער פעלדז און שטיין
און שטייט אין גרויזאמקײַט אליין.
דו שטייסט, קוקסט אָן דעם בוים פארגאפט:
ווו נעמען זײַנע וואָרצלען זאפט?
נאָר ס'דוכט, דער בוים זאָגט שטיל, געהיים:
— איך האָב באזיגט דעם טויט פון שטיין,
דערפאר פארווארף איך הויך מײַן צווײַג,
און ס'זעט דער הימל, ווי איך שטײַג.

דאָס ערשטע שטערנדל

איך האָב זיך אָפּגעבריט אין טויזנט פײַערן —
איך בין מיט אַלץ שוין זאט.
נאָר ביז אצינד עס איז מיר טײַער נאָך
דאָס ווילדע סטעזשקעלע באַם גנילאָפּיאַט.

די פּיאַטע האָב איך דאָרט
אמאָל פארשטאָכן זיך, —
ביז איצטער ציטערט נאָך
מײַן שטיל געוויין.
דער שטומער שטיין מיט ברוינעם מאָכן־פּליך
האָט עס געזען.
(עס זעט א שטיין!)

געטרונקען האָב איך שוין פון אַלע וואסערן —
צום אַלטן ברונעם ציט מיך אַלץ.
מײַן מאמע ז׳איך געווען א נאשערן —
געשעפּט פון ברונעם האָט זי זיס׳ און זאַלץ...

איך האָב באנאכט אמאָל
געקוקט אין ברונעם־דעק —
מײַן מאזל־שטערנדל
האָט דאָרט געבליצט.
עס קומט צו כאָלעם מיר און שמייכלט זונענדיק, —
דאָס ערשטע שטערנדל
מיר שײַנט ביז איצט.

איך בין א בערדיטשעווער

איך בין דאָך א בערדיטשעווער, —
גוטמאָרגן, מײַנע שכיינים!
ווו כ׳זאָל זיך ניט א טיטשע טאָן,
דאָרט קען איך יעדן איינעם.

דער גנילאָפּיאט נאָך שלענגלט זיך
מיט זײַנע פוילע פּיאטעס,
דער אלטער שליאך נאָך סטענגלט זיך,
און אלץ, עס דאכט זיך, גלאט איז.

דער קלויסטער, ווי פארצײַטנס, שטייט
אין שטאָט אף בעלאָפּאָלסקי,
די פירשטן גאנסקא האָט פארדרייט
באלזאקן דאָ „פּאָ־פּאָלסקי‟.

די ברייטע גאס צעשניטן ליגט
מיט דלאָניקע קאשטאנען,
א לינדער ווינט דיביימער וויגט
און וויל מיר אלץ דערמאנען...

ניין, ניין, איך בעט דיך, טשעפּע ניט,
וואָס האָסטו צו מײַן לעבן?
פארגאנגענהײַט, דו שלעפּ מיך ניט —
כ׳האָב אלץ דיר אָפּגעגעבן.

מײַן וועלט, האָסט מיך געקאָסט א סאך,
פיל מערער, ווי אן אנדערן,
פארלאָזט דעם סטענגלדיקן שליאך,
האָב איך גענומען וואנדערן.

געזען איך האָב די בערג, דעם יאַם,
כ׳האָב שטיין געטעסעט אין אוראל,
אין נאגאסאקי, אין וויעטנאם
געברענט האָט מײַן נעשאָמע.
נאָר דו, מײַן הײם, ביסט איבעראל —
מײַן טרייסט און מײַן נעכאָמע.

מע זאָגט טאקע, די ערד זיך דרייט
און רונד ארום זי גייט זיך.
מייַן קאָפּ איז שוין אצינד פארשנייט,
כ׳האָב טויזנט מאָל זיך שוין צעשיידט
און אַלץ געבענקט, פארשטייט זיך.

איך בין דאָך א בערדיטשעווער,
אָט דאָ בין איך געבאָרן.
דאָס הארץ זאָל מיך ניט מוטשען מער,
געקומען כ׳בין צו פאָרן.

איצט שטיי איך ווידער אין בולוואר —
עס צוויטען די קאשטאנען.
איר מעגט אייַך זאָגן, ס׳איז א נאר
פארבליבן אַלץ אווראָם גאָנטאר
און ווייניק וואָס אין לעבן האָט פארשטאנען.

נאָר מוידע בין איך זיך פאר אייַך,
כ׳האָב ליב דעם גנילאָפּיאטקע־טייַך,
די פּיסקעס און דאָס אַלטע פעלד —
מייַן אָנהייב־וועלט, מייַן ענדע־וועלט.

א שווארצע קראָ

א שווארצע קראָ אין ווײַסן שניי
פארשאפט מיר שטענדיק פּײַן און וויי,
פארוואָס?
וויִ קאָן איך וויסן?
אין ווײַסן פעלד, וואָס איז אזש בלאָ,
א שווארצער פלעק —
א שווארצע קראָ
האָט אין א בייזער, שלעכטער שאָ
אין ווײַסקייַט זיך באוויזן.
און אָט דאָס פּינטעלע דאָס שווארצס
עס פּיקט דאָס פעלד אין סאמע הארץ.
די קראָ, זי שרייַט, איך הער דאָס קלאָר:
— איך לעב דערפאר דרײַ הונדערט יאָר,

ווײַל מײַן געװוס איז רויב און בלוט,
ווען בלוט עס גיסט זיך, איז מיר גוט.

א שוואַרצע קראָ אין ווײַסן שניי
פֿאַרשאַפֿט מיר שטענדיק פּײַן און וויי.

בין איך ניט אליין

קומט צו גיין פון פראָסט דער שוימער,
מאָלט מיר פויגלען, וועלף און בוימער,
וויסן זאָל איך, איך זאָל פילן,
אז אין צימער אין מײַן שטילן
בין איך ניט אליין, בין איך ניט אליין.

צו דער שויב איך פרעס דעם שטערן,
ס׳זאָל דער וואלד צערונען ווערן,
אז די קאלטע, אז די בלומען
זאָלן לעבעדיקע קומען,
כ׳זאָל ניט זײַן אליין, כ׳זאָל ניט זײַן אליין.

קוקט אין פענצטער די לעוואָנע,
ברענגט צו טראָגן א מאטאָנע

טויזנט קינדער — טויזנט שטערן —
מיר די איינזאמקייט צעשטערן.
כ׳זאָל ניט זײַן אַליין, כ׳זאָל ניט זײַן אַליין.

פײַפט דער ווינט אַרײַן אין קוימען —
ער איז אויך, געוויס, אַ טרוימער.
קלאַפּט ער מיר אין אַלע טירן,
כ׳זאָל זײַן נאָענטקייט דערשפּירן.
בין איך ניט אַליין, בין איך ניט אַליין.

*

ווינטער, ווען עס בלאָזט און ברומט
און דער פראָסט נעמט בראָטן,
דוכט זיך מיר, דער פרילינג קומט.
כאָטש מיט שניי פארשאָטן
בא דעם פענצטער שטייט דער טאַן,
מיט די לאַפּעס שווערע
בייגט ער אָן זיך, מאכט א שפאַן,
נאָר ער וואגט ניט מערער.
כאַפּט די לאַפּעס צו געשווינד,
גלייך ס'וואָלט הייסע קוילן
אונטערשיטן אים דער ווינט
און אים שטייך באפוילן.

— וואַרט נאָר, — טראַכט איך, —
ס׳גייט יאַנוואַר,
ס׳איז נאָך אַלץ פאַרפרוירן,
מאָרגן וועט דער קאַלענדאַר
נײַ־יאָר ערשט געבוירן...
קאָן דען פרילינג זײַן אַזוי,
אַז די אײַז־פרענדז גרינגע,
אויסגעוועבט פון פראָסט און טוי,
זאָלן פרילינג קלינגען?

כ׳ווייס אַלײן ניט וויאַזוי,
נאָר אָן שום טערוצים, —
ס׳איז יאַנוואַר, דער שניי איז בלוי,
נאָר ס׳איז פרילינג פּלוצעם.

*

דער וואלד האָט זיך דערשראָקן פאר דער קעלט
און איז געקומען קלאפן אין די שויבן.
און בא מײַן פענצטער האָט דער וואלד זיך אָפגעשטעלט
און אף דעם גלאָז די צווײַגן אויסגעצויגן.

באנאכט, ווען קליינע קינדער שלאָפן אײַן,
דוכט זיך זיי, א וואָלף עס שטייט בא דעם געלעגער,
אז פון דעם שויבן־וואלד ער איז אין שטוב ארײַן,
און קליינע קינדער ווערן דרייסטע יעגער.

אן אנדערס מאָל עס דאכט, געקומען איז דער וואלד
באווײַזן מיר — ער קאָן אויך ווינטער בליִען.
מיט ווײַסן צוויט די שויבן ער באפאלט,
און שנייעלעך עס דרייען זיך און פליִען.

נאָר דאָרט, אין וואַלד פון וואָר, דער ווינט עס רוישט,
ער בייגט די צווײַגן — וויל זיי נאָר צעברעכן.
נאָר יעדער צווײַגעלע מיט לעבן ברויזט
און ראַנגלט מיטן פראָסט זיך מיטן פרעכן.

ווײַל ס'ווייסט דער וואַלד דעם צויבער פונעם זײַן,
ער האָט געהערט דאָס קאָל פון סאָלאָווייען,
ער האָט געטרונקען זון, די זאַפט, די שײַן,
די ליד געהערט פון פויער בייסן זייען.

ער האָט געזען דעם הימל, ווען ער בליט,
ער האָט געזען די פייגל אינעם שוועבן,
ער האָט געזען די נאַקעטקײַט פון טויט...
דערפאַר עס רוישט דער וואַלד: לעבן, לעבן, לעבן!

*

פארוויִיט איז די גאַס, און ס'איז נאַכט,
און עס יאָמערט דער שניי און ער דרייט,
פונוויַיטן א ווינט לויפט. מיר דאַכט,
מיר דאַכט זיך, אַז עמעצער גייט...

פארשיט איז דער וועג צו מיַין הויז,
ס'וועט היַינט קיינער ניט קומען צו מיר,
נאָר איך קוק דורך דעם פענצטער ארויס,
הער זיך איַין, צי מע קלאפט ניט אין טיר.

און אָט דוכט זיך מיר אויס, אַז א פרוי
מיט צעלאָזטע, צעפּאַטלטע צעפּ —
אירע האָר פונעם שניי זיַינען גרוי —
האָט זיך קוים צו מיַין פענצטער דערשלעפּט.

קום אריַין, איך בין אײנער אליין,
מיט מײַן הויך כ׳וועל דיר וואר׳מען די הענט.
ס׳וועט מײַן היים אויך פאר דיר זײַן א היים,
כ׳ווארט שוין לאנג, כ׳האָב שוין לאנג דיך געקענט.

צו דער טיר מאך איך האסטיק א שפאן,
קומט אנטקעגן דער טהאָם פון דער נאכט.
נאָר ס׳איז קײנער אין כוישעך פאראן,
כ׳האָב אליין זיך א פרוי אויסגעטראכט.

אלע פענצטער אויסגעלאָשן

עס זײַנען אויסגעלאָשן אַלע פענצטער,
און נאָר איין שויב עס לײַכט די גאנצע נאכט.
א שאָטן אף דער וואנט, ווי א געשפענסטער, —
ער וויגט זיך, וויגט זיך אײַנגעשפארט.

איז עפשער זאָל דאָס זײַן א מאמע בא א וויגל,
באם קראנקן קינד, פון היץ אָן אויסגעדארטס,
צי עפשער א דערפינדער, וועלכער טרוימט פון פליגל,
וואָס זאָלן אים דערטראָגן ביז צו מארס.

און איך וועל אויך די גאנצע נאכט ניט שלאָפן...
ביז כ׳וועל דערגיין ווו־אײַן, ווו־אויס.
אויב כ׳האָב א הויפן ציגל אפן וועג געטראָפן,
כ׳מוז וויסן, ווער וועט לעבן אינעם נײַעם הויז.

*

אין שאָטן פון וויִעס באהאלט זיך דאָס אויג.
די קינדער מע פירט אין דעם שאָטן דעם קאלטן.
מײַן קאָפּ מײַן פארשנייטן טיף איך פארבויג
פאר די, וואָס קיין שאָטן פון גײַווע אנטהאלטן.

ווי שיין איז די זון אין דער קרוין פונעם וואלד,
ווי ליב און ווי מילד — דאָס געוועב פונעם שאָטן.
א טרוים אין מײַן הארצן טיף איך באהאלט —
אין שאָטן פון וואלד זאָל איך זײַן כאָטש געראָטן.

נאָך א רעגן

...און ווען די וואָלקנס זײַנען זיך צעשוווּמען
און ס'האָט די זון צעשאָטן אירע פונקען,
איז צו דער קאַליוזשע א שוואַלב געקומען
און האָט מיט זון זיך אָנגעטרונקען.

און ס'האָט דאָס גראָז מיט צינגעלעך מיט דינע
געגאַשט פון טראָפּנס הימלדיקע פאַרבן
און איז דערפון געוואָרן גרינער, גרינער
און ניט געטראַכט שוין וועגן שטאַרבן.

לופט־שלעסער

דו זאָגסט, אז בלויז אפן פאפיר
עס זײַנען מײַנע שלעסער לופטיקע, געראמע,
אז אינדערעמעסן איז נידעריק מײַן טיר,
אז דיר איז אויך באשערט שוין צוליב מיר
די אוילעמהאזע אף דער וועלט פארזאמען.

קאָן זײַן, עס איז אזוי, דו ביסט גערעכט, מיסטאם...
נאָר כ׳וועל שוין אויסלעבן מײַן וועלט אין טרוימען:
כ׳וועל קוקן אף א ריטשקע און זען וועל איך א יאם,
דעם רויש פון וואלד כ׳וועל הערן אין די זוימען.

און ווען כ׳וועל קומען אין מײַן אויסגעטרוימטן וואלד,
און ווען צום אויסגעטרוימטן יאם איך וועל דערגרייכן —
קאָן זײַן, אז איך וועל זײַן שוין אלט,
נאָר אין שווארצאפל מײַנעם בלענדן וועט א יונגער שמייכל.

אייגענע רונצעלעך

איך וויל ניט ענלעך זײַן אף דיר,
ניט אף קיין צווייטן,
ער מעג אפילע זײַן געקרוּינט.
זאָל זײַן מײַן טיש אן אָרעמער,
נאָר כ׳וועל אליין אים גרייטן —
אזוי בין איך געוווינט.

מײַן אויג איז בלוי
און אנדערש זעט עס
אפילע, ווי מײַן קינד,
וואָס ענלעך איז אף מיר.
די שפּיל פון פארב
גאָר אנדערש זעען וועט עס

און אנדערש אײַנזאַפּן
דעם זעלביקן קאָליר.

ס׳איז יעדער בלאַט געשניצט
מיט זײַנע רונצעלעך און ציינדלעך
און יעדער צווײַג —
געבויגן אנדערש
און געדרייט.
דאָס קינד אין וויגעלע
פאַרמאָגט שוין זײַנע כיינדלעך
און אנדערש ס׳וויינט,
און אנדערש זיך פאַרגייט.

ווי הונגער,
לעשט די גרויקײַט אויס מײַן ריִע
(ווער נאָך געדענקט אזוי,
וואָס הונגער הייסט?),
נאָר בא מײַן פריזבע
פלעגן בוזיקעס צעבליִען —
איז דאָס געווען א טרייסט.

און ווען דער שווייס
פֿאַרגאָסן האָט מײַן פּנים,
און ווען געהאַקט כ׳האָב שטיינער
אין קאַריער,
איך פֿלעג אין פֿלי
פֿון דײַנע ברעמען זיך דערמאָנען
און פֿאַרגעסן,
אַז מײַן לאַסט איז שווער.

נאָר כ׳וויל ניט ענלעך זײַן
אַף דיר אַפֿילע,
כאָטש, ווי אַ קוואַל,
האָסט מיך דערקוויקט.
ווײַל דו ביסט שטענדיק,
ווי אַ טויב אַ שטילע,
האָסטו מײַן דולן קאָפּ פֿאַרוויגט.

ס׳איז באלד שוין מארט

ס׳איז באלד שוין מארט,
און ס׳ציט מיך צו די וועלדער,
צום טײַך, וואָס ברעכט אדורך
פון אײַז די דעק.
די סאָסנעס האָבן אויסגעשטרעקט
די העלדזער —
די סוידעס איבערכאפּן
פון דעם ווינט אין וועג:

צי פליט נאָך ניט דער באָטשאן פונדערווײַטן,
צי האָט קיין פליגל ניט צעבראָכן זיך דער שטאר,
צי וועט דער רעגן־וואָלקן הײַנט זיי ניט פארמײַדן...
און דאנקבאר נייגן זיי זיך פאר דעם ווינט דערפאר.

אויך איך פארנייג דעם קאָפּ
פאר פרישע ווינטן,
פארליבט בין איך
אין פריליגנדיקן שווונג,
וואָס עפנט אוף די ערד
פאר ערשטן שנייגלעקל צעגרינטן —
ס׳זאָל מעלדן פאר דער וועלט
מיט צאפלדיקן קלונג:
דער פרילינג קומט!

ס׳איז באלד שוין מארט.
מיט טויזנט פארבן
ער גאנוועט זיך צו מיר אין אויג ארײַן,
פארגעסן זאָל איך אין דעם הארבסט דעם הארבן,
כ׳זאָל מיינען: אייביק וועט נאָר פרילינג זײַן.

*

ניט מיט קיין ווערטער
און ניט מיט קיין קלאַנגען —
איך קאָן דעם געפיל אַלץ ניט כאַפּן,
ניט פאַנגען.

אין וואָר און אין דרעמל
איך שפּיר און איך לויער
און קאָן ניט דערגיין:
איז עס פרייד צי ס׳איז טרויער.

ס׳איז עפּשער דערפאַר,
וואָס דאָס גראָז נעמט איצט גרינען,
און ס׳קומט מיר מײַן יוגנט
אַרויף אויפן זינען?

איך טרײַב ניט דעם אומרו,
איך וויל אים ניט יאָגן,
אָט באַלד וועט ער, דאַכט מיר,
אַזעלעכס מיר זאָגן,
אויף וואָס כ'האָב געוואַרט
און וועל קיינמאָל געפינען.

ס'איז עפשער דערפאַר,
וואָס דאָס גראָז נעמט איצט גרינען?

שטילע געפילן,
איך קאָן אײַך ניט פאַנגען,
ניט מיט קיין ווערטער
און ניט מיט קיין קלאַנגען.

ניט שולדיק איז דער טינט

אָט ווייס איך ניט, פאַרוואָס
ס׳איז גרין דאָס גראָז
און אויף דער זעלבער ערד,
דערנעבן
צעבליט עס האָט די בלום זיך
ווײַס און ראָז,
כאָטש מיט דעם זעלבן זאפט
זיי נערן זיך און לעבן.

ניט שולדיק איז דער טינט,
וואָס שטייט דאָ אויפן טיש,
ער ווייסט ניט פון קיין ליכט,
ער ווייסט ניט פון קיין שאָטן.

דער טינט איז שטענדיק שווארץ —
דער פארביקער געמיש
איז אין געמיט פון הארץ,
אין מיר געראָטן.

די שענסטע גאָב איז דאָס,
די גרעסטע פרייד,
ווײַל אנדערש וואָלט מײַן וועלט
קיין קיום האָבן.
מיט שווארצן טינט
איך צייכן מילד און שטרענג
די ווײַסע טויבן
און די שווארצע ראָבן.

פרילינגדיקע קלאנגען

דערזען עס האָט דאָס שפּערל:
דאָס אײַז־צעפּל צערינט,
פון פרייד האָט עס מיט טרערן
צעזונגען זיך: צע־רינט!

און האָט מיט גרויס האנאָע
געטרונקען די רעפוּע —
די טראָפּנדלעך די פּערל,
קעדיי געזונט צו ווערן,
און אָנגעזאָגט די בסורע
דעם הימל און די שטערן:
צע־רינט! צע־רינט! צע־רינט!

דערזען עס האָט דער שפּרינגער:
דאָס גראָז נעמט ווערן גרין,
האָט ער גענומען זינגען:
גע־רין! גע־רין! גע־רין!

דערזען עס האָט די לערכע
דעם ווײַנשלבוים אין צוויט,
צעטראָגט דער ווינט אַן עכאָ:
צע־וויט! צע־וויט! צע־וויט!

דער שניי צערינט,
דאָס גראָז צעגרינט,
דער בוים אין ווײַסן צוויט.
צע־רין, צע־רין!
גע־רין, גע־רין!
צע־וויט, צע־וויט, צע־וויט!

„יאָ“ צי „ניין“

עס דוכט זיך בלויז —
דאָס וואָרט האָט איין באַטײַט,
מיט טויזנט פארבן
שטענדיק ס׳איז באַנײַט.
דו ווייסט דאָך גוט,
אַז „יאָ“ קאָן הייסן „ניין“,
מע דאַרף גאָר קלוג ניט זײַן
עס צו פאַרשטיין.
נאָר ווען דאָס וואָרט
שרײַבסט אָן אויפן פּאַפּיר,
באַקומט עס גלײַך
אַן איינציקן קאָליר.
און „יאָ“ איז שטענדיק „יאָ“,
און „ניין“ איז „ניין“.

כאָטש דו האָסט ניט געהאַט
אזא מין מיין.
איך לייען זי צום צענטן מאָל,
דײַן בריוו:
„איך האָב דיך ליב,
איך האָב דיך ליב"...
נאָר ניכטער טײַנעט אַלץ
דער קלאָרער סייכל:
„דו פילסט דען ניט,
דו זעסט דען ניט דעם שמייכל?"
דער „יאָ" אפן פּאפּיר
האָט איין באַטײַט,
נאָר פונעם עמעס
איז ער מײַלן־ווײַט.
דאָס זעלבע וואָרט
כ'וויל הערן פון דײַן מויל,
אז דורכגיין אפן לײַב
עס זאָל א גרויל.
אָט דעמאָלט
וועל איך ערשט דערגיין —
צי „יאָ" איז טאקע „יאָ",
צי „יאָ" איז „ניין".

קאווקאז

איך ווייס ניט, ווי עס הייסט אָט יענער באַרג,
וואָס האָט די וואָלקנס דורכגעבראָכן.
דעם קאָפּ האָט ער אין הימל אָנגעשפּאַרט
און ביז די קני אין יאַם פאַרקראָכן.

די זון האָט אָנגעטאָן דעם באַרג אַ קרוין —
ווו נעמט די אייביקייט אַזעלכע קרוינען?
אין אַזאַ הימל — בין איך גרייט צו גלייבן שוין —
מאַלאָכים קאָנען וווינען.

פון שיינקייט בין איך דול און מיט איעדן שטעג
כ׳בין גרייט אַוועק, וווהין ער זאָל ניט פירן.
מיך רופט דער באַרג, דער הילכנדיקער ברעג,
און כ׳שטיי, ווי אַ געשמידטער, ניט פון אָרט זיך רירן.

פארהאלט מיך ניט, כ׳דארף גיין און גיין און גיין,
דו זעסט, ווי הויך דער בארג האָט זיך פארקליבן?
אויב כ׳וועל פארוואנדלט ווערן אין א שטיין,
איז ווייסט:
פארבלענדט פון שיינקײַט, כ׳בין פארגליווערט דאָ
געבליבן.

דער בויער

ווילסט,
וועל איך דיר אויסבויען א הויז
אף צו באוווּנדערן —
סײַ הויך, סײַ גרויס.
די ווענט כ׳וועל אויספֿארבן
מיט פּערלדיקן טוי,
די פֿענצטער אָנגלאָזן
מיט הימלדיקן בלוי.
דעם דאך כ׳וועל אופשטעלן
פֿון רעגנבויגן־שײַן,
אין יעדער ווינקעלע
דער פֿרילינג זאָל ארײַן.

איך וועל מיט טעפּיכער פון זון
דעם דיל באַדעקן.
און אַז דער סקריפּ פון טרעפּ
מײַן כאָלעם זאָל ניט וועקן,
וועל איך זיי צוקלאַפּן מיט ווערטער,
ווי מיט צוועקעס,
און אויב אַ וואָרט איז שוואַך,
איז נעם איך און פאַרמעק עס
און קלאַפּ אַרײַן אַן אַנדערס —
ס׳קאָסט ניט טײַער,
איך שמיד זיי דאָך אַליין —
ס׳איז מײַנס דער שטאָל, דאָס פײַער.
און אַז עס וועט שוין פאַרטיק ווערן
אַלץ —
כ׳וועל שטעלן אויף די טישן
ברויט און זאַלץ
און וואַרטן,
אַז אַ גאַסט זאָל קומען און זאָל זאָגן:
„אַזאַ מין הויז
וואָלט איך געוואָלט פאַרמאָגן“.
מיט דאַנקבאַרקייט
וועל איך מײַן גוט אים שענקען,

און ס'מאכט ניט אויס,
צי וועט ער מיך געדענקען, —
ווײַל איך, דער דאָרשטיקער,
דער פּראָסטער שמידער,
וועל באַלד זיך שטעלן קאָוועןן
נײַע לידער
און אָנהייבן צו בויען
פונדאַמענטן,
און וואַרטן אויף אַ באַלן
פאַר מײַן אויסגעטרוימט געבײַ.

פאַרטאָג

ס'איז נאָך די נאַכט ניט אָפּגעטראָטן,
נאָר ס'קומט דער טאָג שוין אָן, —
איך פּיל.
פון וואַלד אנטלויפט דער טונקלער שאָטן,
ווו ס'שטייט דער יאַסען אין דער שטיל
געאַרעמט מיט בערעזע־צווייַגן —
אין ציטערניש, אין פלאַטערניש, אין שווייַגן.

דער ערשטער שטראַל האָט זיך פאַרקליבן
אין הייך —
אין וואָלקנדיקן שוים,
און דאָרט דעם גאַנצן טאָג פאַרבליבן —
שפּאַצירן אינעם הימל־רוים, —
דעם טייַך געוועקט, געוועקט די ביימער:
עס טאָגט!
עס טאָר ניט שלאָפן קיינער...

ס'האָט די בערעזע זיך דערשראָקן,
פון יאסענס פענט זיך באַלד באפרייַט
און אייַלנדיק פארקעמט די לאָקן,
מיט זונען־צירונג זיך באנייַט,
עס זאָלן זי ניט זען די שכיינים
מיט איר געליבטן
שטיין אינייִנעם.

די זונענרויז אין טשיפּעק געלן,
וואָס קוקט קעסיידער אַף דער זון,
האָט אַלץ געזען
און האָט די יעלן
אליין פארטאָג דערציילט דערפון,
און דעמלט האָבן שוין די יעלן
דערציילט די פלוישנדיקע וועלן,
און זיי —
דעם ווינט, וואָס לויפט ארום.

און מיר האָט עס דערציילט א פויגל,
וואָס איז פארבייַ אדורכגעפלויגן
און האָט א ליד דערפון געמאכט,
און איך האָב ווערטער צוגעטראכט.

איך זאָל ניט בענקען

דער הארבסט טוט אויס דעם וואלד דאָס קלייד,
דאָס גאָלדן קלייד אין לופט זיך דרייט.
דער ווינטער האָט שוין אָנגעגרייט
א זילבערנס, פון פראָסט געניית.

פון ווייַסע שטערן איז דאָס צייַג,
געפרעסט, געניית, — און אָן געצייַג, —
פון הימלדיק פארקילטן טוי,
פון רעגנבויגן — גרין און בלוי.

דעם ווינטערס פינקלדיקע שאל
איז דורכגעשטעפט מיט לעצטן שטראל,
מיט גינגאָלד זייַנען פרענדז באצירט
און זויבער־ריין — ניט אָנגערירט.

און יעדער קוסט, און יעדער בוים,
באדעקט מיט בלענדנדיקן שוים,
איז גרייט זייַן ווארעמקייַט מיר שענקען —
נאָך פרילינג כ׳זאָל אזוי ניט בענקען.

פאר א רעגן

א שמאָלינק שטעגל אײַלט זיך
צו דעם װאלד
און װיל באהאלטן זיך:
ס'האָט מוירע פאר דעם רעגן,
װאָס װעט א גאָס טאָן זיך
פון הימל באלד.
לויפט נאָך דעם שטעג א הונט,
און ס'לויפט דער װאלד אנטקעגן.

הערט אים ניט דאָס שטעגעלע —
און לויפט,
און לויפט,
און לויפט.

בייזערט זיך דער הונט אַף דעם
און צעשרײַט זיך הויך:
— האַוו,
האַוו,
האַוו!
וואָס יאָגסטו זיך,
וואָס אײַלסטו אַזוי גיך?
פֿאַרוואָס זאָלסטו ניט ווײַזן מיר,
וווּ באַהאַלט מען זיך?

הערט אים ניט דאָס שטעגעלע —
און יאָגט, און יאָגט צום וואַלד,
ווײַל עס וועט אַ רעגן טאָן
פֿונעם הימל באַלד.

אַנהייב פרילינג

די זון האָט זיך צעבייזערט אפֿן פראָסט,
וואָס האָט דעם קלינגענדיקן טײַך פֿארגלאָזט,
וואָס האָט דעם טײַך פֿארגליווערט
און מיט שניי באַפֿאלן
די פֿעלדער, און די וועגן, און די קוואלן,
און האָט דעם מיידעלע,
וואָס אויגן האָט פֿון בלוי נאָך בלויער,
אָפּגעפרירט אַן אויער.
און אַז די זון ווערט בייז,
איז גאָרניט שײַעך —
זי צינדט זיך אָן
און פֿלאקערט, ווי א פֿײַער.

דער ווינטער האָט פון שרעק געגומען ברומען:
— דער פרילינג איז געקומען!
און מיט דער לעצטער קעלט גענומען בלאָזן:
— כ׳וועל ניט דערלאָזן!
דער פרילינג האָט זיך גלייך אַרײַנגעכאַפּט דורך שויבן
צום מיידעלע,
איר אויסגעקושט די אויגן.
דערנאָך געלאָזט זיך צו דעם טײַך
און צו די קוואַלן
און האָט באַשאָטן זיי מיט זײַנע שטראַלן.
און יעדן צווײַגעלע א הייסן בליק געשאָנקען,
אין יעדן ווינקעלע געגומען בלאַנקען.
און ניט געוואָלט עס האָט די וועלט
פון קעלט שוין הערן,
פאַר פרייד האָט זיך א צווײַג צעוויינט מיט טרערן,
און איך אַליין געקאָנט וואָלט שווערן,
אז ס׳האָבן אינעם האַלדז געשטיקט מיך טרערן.

איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט

כ'האָב ליב דעם טאַם
פון שוואַרצן ברויט,
פון שאָטן און פון ליכט
די איידעלע געוועבן.
איך האָב קיין מוירע ניט
באַגעגענען דעם טויט —
כ'האָב מוירע זיך צעשיידן
מיטן לעבן.

זאָל קאַרקען אויפן דאַך
די שוואַרצע קראָ
(מע זאָגט, עס איז
אַ שלעכטער סימען),

נאָר ביז איך אָטעם נאָך,
ביז שלאָגן וועט מײַן שאָ,
וועל איך ניט אופהערן
די וועלט צו רימען.

דער בלינדער מוילוואָרף,
וואָס גראָבט זיך זײַן געצעלט,
דער פויגל, וועלכער פליט
אין טיפקײַט פון די רוימען,
זיי זײַנען אויך
א קיילעק פון מײַן וועלט,
ווי איך, די ערד און הימל
זיי באַווינען.

און איך, וואָס בין געבענטשט
מיט א טאלאנט צו זײַן א מענטש,
האָב ליב די פיס אין קאלטער וואסער וואשן,
האָב ליב מײַן איניקל צעקושן יעדער איוּוער.
איך האָב ניט מוירע פארן טויט,
איך האלט אין דר'ערד מײַן קיוּוער.

דער פויגל און מײַן טרוים

דאָרט פון ווײַטן, דאָרט פון אויבן
איז א פויגל דורכגעפלויגן.
זײַנע פליגל ברייט צענומען,
קיינער קאָן צו אים ניט קומען.
פליט ער, הוידעט זיך און דרייט זיך,
און ער צוויטשערט, שרײַט און פרייט זיך,
מאכט א קרײַז און נעמט זיך וויגן,
לייגט צונויף די שארפע פליגל,
ווי א שטיין ער פאלט און פאלט
ביז די קרוינען פונעם וואלד.
און ס'דערהערט זיך זײַן געשריי...
פלוצעם טוט ער זיך א דריי

און מיט דראנג, מיט גאנצן קוי'ך
לאָזט ער שנעל זיך אין דער הויך.
קומט א מענטש אף שפּיץ פון בארג
און באפוילט דעם פויגל: „שטארב!"
נאָר דער פויגל הערט אים ניט,
צו דער זון ער פליט און פליט.
איז א קויל אים נאָכגעלאָפן,
אין די פליגל אים געטראָפן.
פליִען פעדערן ארום,
דרייען אין דער לופט זיך שטום.

ביז דעם הימל, ביז דער זון
פליִען מייַנע טרוימען אום.
קיינער קאָן ניט אפן בארג
זאָגן מייַנע טרוימען: „שטארב".

*

ווי הויך ס'זאָל זיך ניט אופהייבן דער פויגל,
נאָך שפּייַז ער לאָזט אראָפּ זיך אף דער ערד.
דער טרוים, וואָס קוקט ארויס פון מייַנע אויגן,
האָט זיך מיט קאָרנברויט גענערט.

מיט שווייס פון לייַב האָב איך דאָס ברויט געגעסן,
פון מי געזאלצן איז מייַן הויט.
דעם טאם פון ערד כ'וועל קיינמאָל ניט פארגעסן,
כאָטש מייַן שווארצאפּל הימלדיק עס בלויט.

*

פארשניטן כ׳האָב די זעג אין שטאם,
איך שטיי א קליינינקער אנטקעגן גיבער.
עס זינגט מײַן זעג, און ס׳וויינט דער טאָן,
שוין הונדערט יאָר פון דאָן אריבער,
פון זינט ער שטייט אנטקעגן ווינט,
אנטקעגן פראָסט, אנטקעגן רעגן.
אנטקעגן אים כ׳בין ווי א קינד —
נאָר מיר וועט ער זיך אונטערגעבן.

און פלוצעם האָב איך זיך פארטראכט,
צי כ׳בין קיין אומרעכט ניט באגאנגען —
דער טאָן האָט פרייד דעם מענטש געבראכט,
א שאָטן איבער אים צעהאנגען,
פאר דעם, וואָס מיד איז פונעם וועג,

פון נאָדלען אויסגעהעפּט אַ טעפּיך.
בין איך געקומען מיט מײַן זעג —
זײַן שטאָלצן קאָפּ צום אָפּגרונט שלעפּ איך.

אַ יונגינק מיידל קומט צו פליִ׳ן —
מיר קאַלטע מילך געבראַכט אַ קריגל,
און ווי דאָס קריגל איז זי דין
און אויף אַ צווײַג זי נעמט זיך וויגן.
און זאָגט אַזוי:
פון דעם־אָ טאָן עס וועט אַרויס
אַ ליכטיק און אַ וואַרעם הויז...

כ׳פאַרפרעס די זעג — דער בוים פאַלט אום,
דער שאָטן ווערט פאַרשוווּנדן,
און פון דערווײַטנס האָט די זון
די האָר מיר אָנגעצונדן.

פענצטער

פענצטער, פענצטער קוקן אין מײַן פענצטער,
קוק איך, ווי זיי לעשן זיך געהיים.
אין פינצטערניש פארשווינדן די געשפענסטער,
אנשלאָפן ווערט א היים און נאָך א היים.

עס טרעפט אמאָל באנאכט, ווען אלע שלאָפן,
איך נעם אראָפּ א פרעמדן דאך פון הויז.
כ׳צעשפאר די ווענט —
אָט שטייען פאר מיר אָפן
פיל קליינע וועלטעלעך,
וואָס זײַנען שרעקלעך גרויס.

עס שלאָפט א פרוי. זי האָט די הענט צעוואָרפן,
נאָר אויף די באקן פינקלט נאָך א טרער.

וואָס איז געשען? וואָס האָט מיט איר געטראָפן?
ווער האָט באַליידיקט זי?
דו ווייסט ניט ווער?

און דאָרט?..
(איך ווענדע אָפּ דעם בליק באַשיידן.)
דאָרט פליִען צוויי פאַרליבטע פון דער ערד אַוועק.
פאַר זיי איז אָפן איצט דער טויער פון גאַניידן.
איז וואָס באַטײַט פאַר זיי די נישטיקײַט פון שרעק?

אַן איינזאַם צימערל. אַ גרײַזער אַלטער
שטרעקט אויס די האַנט צום שטומען טעלעפאָן.
ער מאַכט אַ שפּאַן. נאָר אָט־אָ פאַלט ער —
דעם לעצטן שפּאַן האָט ער אַצינד געטאָן.

און דאָ, הינטער דער וואַנט,
איך הער אַ פידל שפּילן.
אַ ייִנגל שפּילט —
ער טראַכט, אַז די לעוואָנע הערט אים אויס.
איך שפּאַן אַרום אין שוואַרצן טהאָם אין שטילן,
אין קליינע וועלטעלעך, וואָס זײַנען שרעקלעך גרויס.

א טעלעפֿאָן־געשפּרעך

וואָס זאָל איך דיר זאָגן,
וואָס זאָל איך דיך פֿרעגן?
שוין נאָכאַמאָל אָסיען,
שוין נאָכאַמאָל רעגן.

מײַן אײנזאַמער צימער
איז טונקלער געוואָרן,
אין פֿינצטערניש האָב איך
אַלײן זיך פֿאַרלאָרן.

דער זיבעטער שטאָק
מײַנע פֿרײַנט האָט צעטריבן,
בין איך מיטן רעגן
אײנצװײיען געבליבן.

פאַרשטייסט דאָך אַליין,
אַז פאַר אונדז, אויף דער עלטער,
צו הויך איז מײַן טיר —
ס׳איז דער הימל שוין נע׳נטער.

אַמאָל קלינגט מיר אָנעט
אַ כאַוואַער אַ שרײַבער,
עס ציטערט זײַן קאָל
דורך דער ווײַט אינעם טרײַבל:

— ווי לעבט זיך דיר, ברודערקע,
דאָרטן פון אויבן?
— איך קוק, ווי די קרוינען
פון ביימער זיך הוידען.

און אָפט, ווי די זון גייט
אַלץ העכער און העכער, —
כ׳וואָלט אויכעט געגאַן,
נאָר וווהין? איבער דעכער?

איך לייען אַ צענט מאָל
די ייִדישע ביכער,
ווער ליי׳נען זיי עמעצער נאָך —
כ׳בין ניט זיכער.

פון רעכטס און אף לינקס
זיך די אויסיעס באַוועגן,
זיי שווינדלען און פינטלען,
ווי אָסיען דער רעגן.

וואָס נאָך ווילסטו וויסן,
וואָס נאָך ווילסטו פרעגן?
אין אָסיען מוז, ברודערקע,
גיסן א רעגן.

*

איך צייל ניט די צאָל פון די יאָרן,
קיין סאך ניט פארבליבן, ס'איז קלאָר.
איך האלט איצט נאָר איינס אין זיקאָרן —
א רעגע זאָל ווערט זײַן א יאָר.

ווען ספאלט א שטיין

*

פון הויכן בארג, ווען ס׳פאלט א שטיין,
שלעפט ער מיט א צווייטן און א דריטן.
ער וויל ניט פון דעם שפּיץ
אליין צום אָפּגרונט גיין,
זײַן איינציקן פארמעג — די קראפט —
אומזיסט צעשיטן,
פארטשעפּעט ער א צווײַג,
וואָס האלט אין בליִען,
צעברעכט אפצווייען זי בעיס דעם פליִען.
דערשרעקן זיך די פויגלען אין דער נעסט
און לאָזן זיך אין רוים מיט א געפּילדער,
די שטארקע אָדלערן אין טומלעניש פארגעסט
די אויסגעוואָרעמטע, די פריילינגדיקע קינדער,

צעשפרייט די פליגל קעגן פאלנדיקן שטיין
און לאָזט זיך קעגן טויט — און איין־אליין.
פליט אריבער דער געריש פון בוים צו בוים,
און ס׳ווארט דער וואלד שוין אף א גרויס געוויטער,
עס פאלט דער שטיין אין יאם און בויטעט אוף דעם שוים,
עס טוט א כוואליע אינעם יאם א ציטער,
און קרײַזן אינעם וואסער ווערן גרעסער, גרויס,
ביז זיי שטארבן פארן אויג, נאָר צאנקען דאָך ניט אויס.

*

דער וויטעק דער טיפּער
איז קאַרג אויפֿן וואָרט,
ער ליגט אין די אויגן באַגראָבן,
פֿאַר מיטלייד און נייַגער
— ניטאָ דאָרט קיין אָרט
לאָז,
כ׳וועל אַליין אים שוין טראָגן...

מע דאַרף ניט,
ניט זאָג מיר:
מײַן טײַערער, וויין...
איך וויל ניט, ס׳זאָל ווערן מיר גרינגער.

פארקלעמען דעם ווייטעק איך וועל מיט די ציין,
ביז בלוט זיך צעבײַסן די פינגער.

וואָס קאָסט זי, די טרער,
ווען זי פאַלט אינעם שטויב, —
זי איז שוין ניט הייליק, ניט טײַער.
דער ווייטעק דער טיפער
איז שטיל, ווי א טויב,
און ברענט אינעם האַלדז, ווי א פײַער.

איך ווייס דעם סאָד פון קלוגן בוים

צי ווייסט איר כאָטש, פאַרוואָס
עס איז דער דעמב מיט מאָך פאַרוואַקסן? —
דער צאָפן־ווינט איז אים דערגאַן די יאָרן,
האָט ער געמוזט
אַ וואַרעם שאַלעכל זיך אָנטאָן אויף די אַקסל,
עס זאָל די קעלט זיך ניט דערקלײַבן
דורך דער קאָרע.

און אַז די שיינקייט זײַנע זאָל ער ניט פאַרלירן,
האָט ער זיך אײַנגעהילט אין פּליוש אין ברוינעם.
איצט מעג דער צאָפן־ווינט פאַר כּעס קראַפּירן,
וועט ער דעם בוים שוין מוזן שוינען.

איר פרעגט, פארוואָס מײַן פּאָנעם איז אין קארבן?
א צאָפן־ווינט איז מיר דעם וועג פארלאָפן.
און אויסגעשטאנען כ׳בין דעם פרווו דעם הארבן,
ווײַל כ׳האָב אנטפלעקט דעם סאָד פון בוים,
וואָס האָט באזיגט דעם ווינט פון צאָפן.

*

נאָר דו האָסט ניט געלייגט —
אָן שרעק, אָן צוויַיעס
געמאָלדן אַף א קאָל:
— איך גלייב און בלײַב דיר טרײַ.
כאָטש טרערן האָבן זיך געבראָכן
אַף די וויַיעס
פאר עקל צו דעם גלײַכגילט,
וואָס האָט געשפּאַנט פארבײַ.

אין לאַנגע ווינטער־נעכט
ניט צוגעמאַכט די אויגן —
האָסט אין דער פינצטערניש
געזוכט א טרייסט פאר מיר,
און ווי א שוועלב איז דײַן בריוו
צו מיר געפלויגן,

דאָס האַרץ מײַנס פרײַ געמאַכט,
געשטאַרקט מײַן גלויבן
און ברייט צעפּראַלט
מײַן צוגעמאַכטע טיר.

און מײַן זיקאָרן ווייסט ניט פון קיין צאַמען,
אָט עפן איך די טיר —
איך קוק און הער:
דערציילסט דער טאָכטערקע,
אַז אין די צאָפן־יאַמען
דער וואָלפיש שלאָפט
און ס'שלאָפט דער ווײַסער בער.
און אַז איך וויל,
פאַרמאַך איך גאָר די אויגן
און הער, ווי הילעלס שפּילט,
ווי ס'ציטערט דער קלאַוויר...
די איינזאַמקײַט פאַרשווינדט,
און דורך די טונקלע שויבן
מיר דוכט, איך זע:
עס שײַנט דאָס פענצטערל
בא דיר.

*

— דו ווייסט דען ניט, דו ווייסט דען ניט דערפון?
א פרײַנט איז ווי א שאָטן, — פלעגסטו טײַנען.
ער גייט אונדז נאָך, ביז ס׳שײַנט פאר אונדז די זון,
פארשווינדט, ווען ס׳הערט די זון אונדז אוף צו שײַנען.

נאָר איצטער אויך, ווען ס׳איז מײַן שײַן פארגאן
און כ׳בין אין שאָטן — איינער, איינער,
איך ווייס אָף קלאָר, אז פרײַנטשאפט איז פאראן —
זי לעבט אין הארץ, אין מארך פון מײַנע ביינער.

און דו אליין דער איידעס ביסט פון דעם.
צענפאכיק ריין דײַן טרײַהײַט איז געוואָרן.
פון ווייטעק ברעכט זיך אײַן דײַן שארפע ברעם,
און דאָס פארבײַט די פרײַנט, וואָס כ׳האָב פארלאָרן.

אָט יענע, וואָס באהאלטן אויס דעם בליק,
און זאָגן קאלט: — כ'האָב ניט געקענט אים...
פאר זיי בין איך געווען בלויז א בריק,
און זיי האָבן אײַלעניש פארברענט אים.

און אויב דער אויסוואל איז אצינדער קליין
פון די, וואָס זײַנען אונדז געטרײַ געבליבן, —
האָב איך זיך אויסגעלערנט צו פארשטיין,
ווי שטארק די פרײַנטשאפט שעצן, ווי זי ליבן.

א קענדל טיי

כ׳האָב אופגעזאָטן זיך א קענדל טיי,
דער סטעפּ דער שנייִקער — מייַן טיש מייַן רונדער.
מייַן צוקער זייַן וועט אויך א ביסל שניי,
און גוט עס וועט מיר זייַן — א וווּנדער.

און פרייִלעך מאכן וועט מיר בא דעם טיש
דער ווילדער ווינט, דער פראָסט דער גיבער.
אויב האָסט קיין טיי געטרונקען אין א שניי־געמיש,
דאן ווייסטו ניט דעם טאם פון דעם געטראנק, מייַן ליבער.

ס׳איז נאָר אין מייַסעלעך פאראן, מיסטאם, א הויז,
א פרוי, וואָס גרייט צום טיש דיר עסן.
צי כ׳האָב אין כאָלעם דאָס געזען, צי ס׳ווייַזט מיר אויס,
צי איז בעעמעס דאָס געווען און כ׳האָב פארגעסן...

ס׳איז עמעס, כ׳האָב געהאט אמאָל א קינד?
כ׳געדענק דאָך בלויז דעם נאָמען אירן.
און איצטער טרינק איך טיי בעשוטפעס מיטן ווינט,
און אז עס זאָל דאָס הארץ ניט פרירן,

דו טו א טויווע מיר, מײַן שטילער פרײַנט,
צינד אָן אין שטוב א לאָמפּ א גרינעם.
כ׳וועל צומאכן די אויגן, אויסציִען די האנט,
און אופלעבן דו וועסט בא מיר אין זינען.

און ווען איך וועל זיך אומקערן צו דיר,
א קענדל טיי וועסט שטעלן אף דעם טיש דעם רונדן,
א גרינעם טישטעך לייגן, ווײַל דער קאָליר
פון פרילינג וועט היילן מײַנע ווײַסע ווונדן.

די פּען

דער בעסטער פֿרײַנט, דער ערגסטער סוינע
דו ביסט דעם מענטש.
דער וועלט האָסטו אַנטפּלעקט געווינים —
דערמיט ביסטו געבענטשט.
פֿאַרשאָלטן ביסט דערפֿאַר געבליבן,
ווײַל האָסט אין מערדערישע הענט
מײַן אומשולדיקן פֿרײַנט
אַ טויט־אורטייל געשריבן —
דעם נאָמען מענטש געשענדט.

*

דו ווייסט?..
איך האָב זיך צוגעטראַכט אַ נײַע שפּיל,
און ס'איז מיר גרינג אַזוי געוואָרן.
כ'פאַרמאַך די אויגן, ווען איך וויל,
צעלויפן זיך די ווענט, די ווײַטן און די יאָרן.

און כ'שפּיר דיר נאָך —
באַם גרויסן שפּיגל קעמסטו צו די האָר
און מורמלסט שטיל עפּעס אַ ניגון.
און רויטע שיכעלעך אַ פּאָר
עס שטייען גרייט אונטערן וויגל...

וואָס פּלאַפּל איך?
דו ביסט אַצינד שוין גרויס,

קיין וויגל דארפסטו ניט שוין וויפל יאָרן.
וואָס זאָל איך טאָן?
עס דוכט מיר אַלץ זיך אויס,
דו ביסט אזא, ווי ס׳מאָלט דיך מײַן זיקאָרן.

ווארט, ווארט —
אָט לויפסטו פלינק אראָפּ פון אלע טרעפּ,
און אומרויִק עס בלאָנקען דײַנע בליקן.
מיט ציטער אין די פינגער פלעכסט די צעפּ
ארום דעם האלדז, און ס׳נעמט א טרער דיך שטיקן.

דו האָסט דערזען אים... ער איז שלאנק און שיין,
מיט ליבע איז זײַן בליק פארגאָסן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
איך עפן אויף די אויגן, אין פינצטערניש אליין
איך ליג, און ס׳איז מײַן טיר פארשלאָסן.

און דאָך איז דאָס א גליק,
וואָס קיין שום צוים
איז ניט מעסוגל שמידן מײַנע ווײַטן.
ווו איך וויל נאָר, טראָגט זיך אום מײַן טרוים —
דורך מײַלן און דורך צײַטן.

ניט מיר איז נאָך באשערט

כ׳קום נאָר ארויס אינעם פעלד,
פארגעס איך אין אלץ און אין אלעמען.
א קוסט פאר דער צײַט ווערט פארגעלט,
ביז איך גרייט אים צו זשאלעווען.

איך ווייס ניט פארוועז און פארוואָס,
נאָר אין הארצן ווערט גרינגער.
אָפגעווישט האָט מײַן פארדראָס
דער ווינט מיט פארבאָרגענע פינגער.

און ס׳דוכט מיר, אז ווייך, ווי דאָס גראָז,
וועל איך זײַן שוין קעסיידער.
אז גוטסקײַט — מײַן איינציקע מאָס
וועט זײַן איצט, — איך גיב זיך א ניידער.

אַף שטיוול — דער שטויב פון דער שטאָט,
איך צי זיי אראָפּ, לאָז זיך שפּאַנען.
אָט גיי איך — א באָרוועסער גאָט...
צום הימל ניט ווײַט איז פונדאַנען.

דער הימל — פון יאָמטעוודיק זײַד,
ער ווייסט ניט, וואָס הייסט אינדערוואָכן.
נאָר פּלוצעם עס טוט מיך א שנײַד —
די פּיאַטע איך האָב זיך פארשטאָכן.

איך לאָז זיך אראָפּ אַף דער ערד,
מיט בלוט איז די גרינקײַט פארגאָסן.
ווײַזט אויס, נאָך ניט מיר איז באַשערט
באָרוועס צום הימל זיך לאָזן.

באגעגעניש

געוויס וועל איך דערציילן זייער פיל,
דו וואַרט נאָר צו, דאָס האַרץ זאָל ווערן שטיל.

איך דאַרף זיך אײַנקוקן אין הימל, אין די שטערן,
דאָס פֿלאַפּלען פֿון דעם טאָפּאָל דאַרף איך הערן.

איך דאַרף זיך אײַנקוקן אין דײַנע אויגן,
די ברעמען דײַנע ברעכן זיך און בויגן.

צעקנייטשן כ׳דאַרף דאָס אויסגעפּרעסטע העמד,
דער שפּיגל זאָל אויף מיר ניט קוקן פֿרעמד.

דער ציטער דאַרף פֿאַרשווינדן פֿון דײַן קאָל,
און אַלץ דאַרף ווערן היימיש, ווי אַמאָל.

אָט דעמלט כ׳וועל דערשפּירן זיך אין דר׳היים,
מיט דיר צוזאַמען, ווי מיט זיך אַליין.

געוויס וועל איך דערציילן זייער פּיל,
נאָר ניט אַצינד. דאָס האַרץ דאַרף ווערן שטיל.

צו א געוועזענעם פרײַנט

1

דיך האָב איך שטענדיק געשעצט און געאכט
און ביטער אזוי זיך אין דיר אָפּגענארט.
איך זוך אַלץ א טערעץ אַף וואשן דיך ריין,
מיך לאָזט ניט מײַן איינפאכער סייכל פארשטיין
און גלייבן, אז דו האָסט גענאָסן פון גליק,
ווען ס׳האָט אַף מײַן האַלדז זיך פארצויגן דער שטריק.
ניט שוין האָט דער שלייף אויך דײַן האַלדז ניט געשטיקט?
ניט שוין האָסטו רויק דײַן יוירעש געוויגט?
ווי מײַנע, איך האָב דײַן נעשאָמע געוווסט —
ניט שוין וואָלט איך אויכעט געטאָן, וואָס דו טוסט?
איך האָב אויך א כיילעק אין דעם, וואָס דו ביסט, —
מיר האָבן דאָך קינדווײַז געשפּילט אין איין מיסט.
מיר קומען ניט פארטיק צו גיין אין דער וועלט —
ס׳האָט נאָכן געבוירן א סאך אונדז געפעלט.

די ליפּע באַם גאַנעק האָט טעגוויַיז און נעכט
מיט טרוימען און צאַרטקײַט געשפּײַזט אונדז, גענערט.
דער פלעק פון דעם אָרעמען טישטעך אין הויז —
ער בלייכט זיך אין אונדזער זיקאָרן ניט אויס.
דער רייעך פון שפּײַז, פון די ספאָרים אין שראַנק —
זיי גייען אונדז נאָך און זיי טוען אונדז באַנק.
און אַלץ, וואָס עס האָבן געזעען די אויגן,
מיר האָבן אָף שטענדיק אין זיך אײַנגעזויגן.
דערפאַר איז נאָך גרעסער אָף זיך דער פאַרדראָס —
ווײַל באָטל געוואָרן איז יעטווידע מאָס.
איך זוך אַלץ טערוצים אָף וואַשן דיך ריין,
א מיטל — פון מיִעס צו מאַכן דיך שיין.

2

דיר דוכט, איך ווייס ניט —
נאָר איך ווייס,
ס׳וואָלט בעסער זײַן,
איך זאָל ניט וויסן.
ווען דו ביסט מוידע זיך,
פאַרגיב איך דיר דאָס בייז,
און ריין וואָלט זײַן
סײַ דײַן, סײַ מײַן געוויסן.

איך שווײַג,
און אַלץ קומט אויס פאַרקערט,
דו קוקסט מיר רויִק אין די אויגן,
און ווײַל איך זאָג ניט,
האָסטו רעכט
אין דײַן פאַרבלאָנדזשעטקײַט
צו גלויבן.

און צוויי מאָל גרעסער
ווערט דערפון דאָס בייז —
דו מיינסט, איך וויס ניט?
איך וויס, איך וויס!

מײַן שאָטן

איצט לויפט ניט נאָך נאָך מיר מײַן שאָטן,
דער שאָטן, וואָס פאַרפאָלגט מיך, איז אַצינד
אַן אומשולדיק פאַרשאַכטן קינד.

ס׳איז זומער אױף דער וועלט, און די לעוואָנע שײַנט,
ווי שטענדיק טוקן זיך אין הייך די שטערן.
נאָר לאַכן יענע קינדער כ׳וועל שוין מער ניט הערן.

ס׳וועט בליִען קאָרן נאָכאַמאָל אין פעלד
און זיסער ווײַן וועט זײַן מיט ברויט מיט פרישן,
נאָר יענע מאַמעס וועלן שוין ניט גרייטן צו די טישן.

שוועסטער מײַנע

פונוואַנען האָט זיך עס צו איַיך גענומען
דער שטאָלץ, דער כיין,
די ראָזע פאַרב
ווי איז צו איַיך געקומען,
דער בלויער בליק,
וואָס איז אײ רײצנדיק געווען,
אי ריין?

אַז דער געשמאַקסטער ביסן איַיערער
געווען איז קנאָבל,
קאַרטאָפל און אַ ריפּטל ברויט,
אַ רעטעך, אַף אַ ריבײַזן געשאָבן,
און אַ פאַרפרוירן קאַטשענדל פון קרויט.

פון וועמען האָט איר זיך געלערנט
גרינג אזוי צו שטעלן
מיט שטאָלץ דעם טראָט?
אז אייער טרוים געווען
עס זיינען געזעצטע קארעלן,
וואָס אלע מיידלעך פלעגן טראָגן
אין דער שטאָט.

עס פלעגט די מאמע
דורך דעם פענצטער שפּירן,
ווען איר האָט זיך געלאָזט צו דעם בולוואר,
צוויי בוינע־יונגען
פלעגן דרויב איר פירן,
און זי האָט פאר די טעכטער
זיי געלויבט דערפאר.

אין הארבסט,
ווען ס׳האָט דער בלעטערפאל געקלונגען,
צוויי כופּעס מ׳האָט אין הויף
בא אונדז געשטעלט.
אין ביידן כאדאָשים איז עס אייך געלונגען
צוויי גיבוירים ברענגען אף דער וועלט.

ווּ זײַט איר, שוועסטער מײַנע?
כ׳וואָלט אײַך איצטער שענקען
סײַ נײַע שיכעלעך,
סײַ לופּטיק־גרינגן טיול.
בלויז די ווערבעס
אינעם טײַך די צווײַגן שווענקען,
ווי אַמאָל.

בלויז די באַטשאַנס בלאָנקען אום,
ווי שטענדיק,
און אַף איין פוס
זיי שלאָפן אײַן, ווי פרי׳ר.
ס׳איז אײַער כעזשבן, שוועסטער,
מיט דער וועלט פאַרענדיקט...
מײַן בידנע האַרץ,
וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר?

איך בלאָנקע אום אַליין
מיט די געדאַנקען מײַנע
און פאָדער בא דער וועלט:
— געדענק מײַן טײַנע!

לייעלע

דרײַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דרײַ שלאַנקע סאָסנע־ביימער.
איצט וויגן זיי די קרוינען
אױף א גרוב מיט ביינער.

מ׳האָט געבראכט פון שטאָט אהער
קליינע קינדער שטילע,
אויסגעטאָן די העמדעלעך,
די העמדעלעך אפילע.

און א גרוב פאר אלעמען
איז שוין גרייט געשטאנען,
און די קלענסטע, לייעלע,
האָט גאָרנישט ניט פארשטאנען.

ס׳האָט געמיינט די שטיפערקע,
ס׳איז א שפּיל אזא מין.

לייעלע די לאכערקע
האָט דעם קאָפּ פאַריסן:
ווער עס שיט עס זאמד אף איר,
וויל די קליינע וויסן.

און געזאָגט האָט לייעלע
צו דעם דײַטש פון אויבן:
— פּעטערל, וואָס שיט איר עס
זאמד מיר אין די אויגן?

ס׳האָט דאָס „פּעטערל״ געקײַכט
און געשאָטן פלינקער.
מיר פאר לייעס אייגעלעך,
מיר פאר אירע פינגער.

דרײַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דרײַ שלאנקע ביימער שטומע.
וויגן זיי זיך וויינענדיק,
וויינען זיי און ברומען.

ניט קיין פּעך פון ביימער טריפט —
בלוט אף נאָדל־בלעטער.
קינדער מײַנע, טײַבעלעך,
אייביק לעבן וועט איר.

ס'איז שטיל אין פּאַנאַר

ס'איז שטיל איצט אין פּאָנאַר,
דאָס גראָז איז ביז די קני,
אין דעם געהיימניס פונעם וואלד
עס שוועבט ארום א קישעף,
נאָר, דאכט זיך, באלד
וועט אָט דעם שטילן אינדערפרי
צערייסן א געשריי,
און איימעדיקער גוואלד,
וואָס אין דער טיפעניש פון דר'ערד
זיך דאָ באהאלט, —
אָט־אָט וועט זי, די שטילקייט,
ווערן אופגעריסן.

אין טויִיק־שאָטנדיקער גרוב איך קריך אראָפּ —
דאָרט וואקסן איצט שוין יונגעביימער.
נייך,
עס שטייט איבער מײַן קאָפּ דאָ ניט קיין ראָב, —
אין גרינס פון דעמב — א זינגפויגל
א שיינער —
א בלויערל, מיט פעדערלעך פון זײַד,
מיט לויכטנדיקע אייגעלעך מיט ריינע.
נאָר ס׳דוכט מיר אלץ,
איך הער, ווי עמעץ שרײַט, —
צי שרײַען ניט פון גרוב מײַן מאמעס ביינער?..

איך מאך די אויגן צו,
און פינצטער ווערט ארום,
די ביימער הייבן אָן זיך בייגן, וויגן:
אָט דאָס האָב איך צעעגבערט זייער רו,
און יעדעס בלעטעלע האָט זיך צעשריגן.
דאָס בלויערל דאָס העלדזל האָט פאריסן
און טרויעריק געגומען זיך פארגיסן.

איך פאל אנידער אינעם פײַכטן גראָז,
א צווײַגל שווארצע יאגעדעס
צו מיר האָט זיך פארבויגן.

פארוואָס גאָר יאגעדעס?
פארוואָס?
ס'איז לייעס אייגעלעך —
זיי פרעגן מיט פארדראָס:
— פארוואָס האָט מען מיט זאמד
פארשאָטן מיר די אויגן?

ס'איז שטיל איצט אין פּאָנאר,
א וואלד, ווי יעדער וואלד,
מיט סאָסנעס, מיט בערעזעס און מיט קליאָנען,
נאָר יעדעס אָדערל פון בלאט באהאלט
די גרויזאמע געהיימניס
שטייף פארפרעסט אין דלאָניע.

ווי זאָל איך אָנקלאַפּן צו דיר

ווי זאָל איך אָנקלאַפּן צו דיר,
אַז ס׳איז ניטאָ קיין פענצטער,
ווי זאָל איך קומען צו דײַן טיר,
צו דיר, צו דיר, מײַן שענסטער?

אַז ס׳איז קיין הויז ניטאָ, נאָר אש,
קיין סטעזשקע און קיין שפּור פון גאַס,
דאָ בלאָנקען נאָר ארום געשפּענסטער.

ווי זאָל איך קומען מיט דער בריק,
אַז ס׳איז די בריק צעבראָכן?
און ווו זאָל אופשײַנען דײַן בליק?
דײַן אויג איז אויסגעשטאָכן.

אַז ס'איז דער גרינער, שטילער טאָל,
וווּ כ'האָב דיך אָנגעיאָגט אַמאָל,
מיט בלוט פֿאַרלאָפֿן.

כ'וועל בלויז אַ ווײַל דאָ זיצן אויף אַ שטיין,
דו זאָלסט ניט מיינען, אַז איך וויין, געטרײַע.
ס'איז שטיל דער הימל, ס'איז דער הימל ריין,
נאָר הער זיך בעסער אײַן — די הימלען שרײַען.

כ׳קום צו דיר אין געסל

אז דו זאָלסט מיך ניט פארגעסן,
קום איך אָפּט צו דיר אין געסל.
אויב דו וועסט אין שויב א קוק טאָן,
דורך די פאָרהענגלעך צערוקטע,
קאָן זיך מאכן, קאָן פאסירן,
זאָלסט מיט מיר א רייד פארפירן.
עפּעס פרעגן, עפּעס מאָנען,
עפּעס גוטס צי שלעכטס דערמאָנען.
כ׳זעץ זיך אף די טרעפּ פון גאנעק,
שטיל־פארטײַעט, ווי א גאנעוו.
כ׳ווארט, עס זאָלן זיך דערטראָגן
דײַנע טריט פון דריטן גאָרן.

כ׳גיי אריַין אין וויַינשל־גערטל —
אין דיַין גרין־באַליבטן ערטל.
כ׳הער זיך איַין, די בלעטער ברומען:
„ער איז ווידער שוין געקומען...״
יאָ, געקומען! ווי זשע קלערט איר?..
זאָגט, ווי קאָנט איר פריילעך זשומען,
ווען איר הערט ניט איר געלעכטער?..
נארישקייַטן, פוסטע ווערטער,
וואָס פארשטייען ביימער שטומע?
ניט בא זיי, בא גאָט כ׳וועל פרעגן:
— דו האָסט זיך געשטעלט אנטקעגן,
ווען דער קוילער האָט מיַין ליבע
צו דעם יאָר קאַיאָר געטריבן?

כ׳וויס — עס ריידן ניט קיין בלעטער,
כ׳גלייב שוין לאנג ניט אין קיין געטער.
כ׳קאָן דיך אָבער ניט פארגעסן,
קום איך אָפט צו דיר אין געסל.

שפּיל, כאַימקע

שטאַרבן, זאָגסטו?
דודקי!
ניט בא מוישען!
אײַל זיך ניט, ניטאָ צו וואָס.
לאָמיר בעסער אופהייבן א קויסע
און פאר מײַן אייניק אויסטרינקען דעם קאָס.

צוויי מאָל מערער דאַרף איך איצטער יאָרן.
פרעגסט פאַרוואָס?
פאַר מײַנע ברידער אין פּאָנאַר...
מאזלטאָוו דיר, טאָכטער,
האָסט אן אייניק מיר געבאָרן,
בענטש איך דיך, מײַן טײַערע, דערפאַר.

כאימקע, נעם ברענג אהער די פליטע
און שטעל זיך אף א בענקל,
און דערלאנג!
זאל דער דעמב די צווייגן ברייט צעשפרייטן,
זאל ער אויסגלייכן זיין הויקערדיקע פלייצע
און טרייסטן זיך מיט דיין געזאנג.

וועלכער דעמב?
אט דער, וואס שטייט געבויגן
און וויגט זיך צארנדיק
סיי טאג, סיי נאכט,
וואס אויסגעווייַנט האט ער די גרינע אויגן,
ווען צו דער גרוב מ'האט קינדערלעך געבראכט.

שפיל, כאימקע,
נאך הארציקער, נאך דינער —
די קראפט איז ניט פארבארגן אין געשריי...
דער אייד'לער וועבער, דער געניטער שפינער,
ער פלעכט אריין אין דעם געוועב זיין פרייד און וויי,
ער טוט אריין אין דעם זיין טיפן זינען —
געדענק עס, כאימקע, פארשטיי.

שטארבן, זאָגסטו?
דודקי!
ניט בא מוישען!
אײַל זיך ניט, ניטאָ צו וואָס.
צאָרעס האָב איך שוין געהאט א פולע קויסע,
איך דארף נאָך אויסטרינקען די פרייד א פולע מאָס.

*

לאך ניט, מײַן פרײַנט,
זאָלסט ניט לאכן פון מיר,
וואָס כ'האָב זיך צעקושט
מיט א הילצערנער טיר.

די טיר פון מײַן היים,
ווו מײַן קינד האָט געלאכט
און האָט ביטער געוויינט,
ווען איך האָב זי פארמאכט.

גוט־מאָרגן, מײַן היים,
א גוט־מאָרגן, מײַן שוועל,
ס'איז פרילינג אין גאס,
און ס'איז ענג דער שינעל.

פארלאָזט כ׳האָב מײַן היים
און געקערט זיך צוריק,
ווײַל כ׳האָב ניט צעבראָכן
פון ליבע די בריק.

איז לאך ניט, מײַן פרײַנט,
זאָלסט ניט לאכן פון מיר,
וואָס כ׳האָב זיך צעקושט
מיט מײַן הילצערנער טיר.

*

דער ווײ װערט געלאָשן,
דער װײטעק פֿאַרגײט,
דער סאַם פֿון פֿאַרדראָסן —
צעזײט און צעשפּרײט.
נאָר ס׳בלײַבט דאָך אַ שאָטן פֿון טרויער,
װאָס דויערט, און דויערט, און דויערט.

איך װיל ניט פֿאַריאָגן,
איך װיל ניט פֿאַרגעסן
די שײַן פֿון פֿאַרטאָגן,
די פּײַן פֿון מעסלעסן.

קייטלט זיך, קייטלט זיך, יאָרן,
אין אַלטן זיקאָרן, אין גוטן זיקאָרן.

ס׳איז אַלץ מײַן פאַרמעגן —
די בערג און די טאָלן,
פאַר אַלץ בין איך שולדיק,
פאַר אַלץ וועל איך צאָלן
מיט קנאָבל־קאָליר פון די האָר מײַנע שווארצע,
מיט ווייטעק פון הארצן, מיט גוטסקײַט פון הארצן.

א פּאָשעטער שמייכל
אין ברייזקן פראָסט
האָט ניט נאָר קיין סייכל,
נאָר בלוט אויך געקאָסט,
נאָר כ׳פלעג זיך ניט שוינען און גאָרנישט
ניט קארגן,
זעסט, ווי דער שטערן באדעקט איז מיט קארבן?..

די האָר די פארשנייטע,
די קנייטשן פון פּאָנעם —
אײַך, די באגלייטער —
פרײַנט מײַנע — סאָנים,

אײַך װעל איך קײנמאָל
אף גאָרנישט ניט טױשן,
איר זײַט מײַן עמעס,
מײַן גאָב, מײַן אנטױשונג.
אײַך װעל איך שטענדיק געדענקען,
און בענקען, און בענקען, און בענקען.

דער ליבער הימל

איך האָב פאַרשטאַנען

איך ווייס ניט, צי דערפאַר, וואָס כ׳ווער שוין אַלט,
צי עפשער גאָר דערפאַר, וואָס כ׳בין נאָך יונג געבליבן,
כ׳האָב ליב דעם הימל און דעם וואַלד,
און גרייט בין איך אין אַלץ זיך צו פאַרליבן.

אין דיר, ווײַל דײַנע אויגן זײַנען בלוי,
ווײַל ס׳האָט די זון מיט פײַער זיי באַרעמלט
און אײַנגעהילט אין רויכלדיקן טוי,
ווי דו וואָלסט וואַכנדיק געדרעמלט.

און אין דעם פראָסט פאַרליבט בין איך מיסטאָם,
ווײַל ער האָט אויסגעמאָלט אויף מײַנע שויבן

א ווײַסע צווײַג אַף ווײַסן שטאַם
און אַף די צווײַגן ווײַסע טויבן.

אין טײַך בין איך פֿאַרליבט דערפֿאַר,
ווײַל ס׳שפּיגלען זיך אין אים די טאַנען.
ווײַל ניט פֿאַרליבט זײַן — דאָס איז א געפֿאַר,
ערשט אַף דער עלטער האָב איך עס פֿאַרשטאַנען.

דײַן ליבע

דײַן ליבע איז ניט
ווי דער שאָטן פון בוים,
נאָר פונקט ווי דער שאָטן
פון פויגל אין רוים.

דער שאָטן פון בוים,
ער איז שטענדיק באַם שטאַם,
פון פויגל דער שאָטן —
אַ כוואַליע אין יאַם.

אָט קושט זי דעם זאַמד
פון אַ ווילד־פרעמדן ברעג —
אַ שפרונג — און צעקלאַפּט זיך,
און ווײַטער אַוועק.

דײַן ליבע איז פּונקט
ווי פֿון כוואַליע דער שוים,
דײַן ליבע איז ניט
קײן פֿאַרווירקלעכטער טרוים.

פֿאַר בענקעניש בלויז
איז דער טרוים א געצעלט —
נאָר וואָס וואָלט איך טאָן
אָן דעם טרוים אף דער וועלט.

די אויגן

גוואלד, וואָס טוט מען מיט די אויגן?!
זיי זײַנען נײַגעריק און דאָרשטיק,
זיי ווערן קיינמאָל זאט
און מוטשען מיך מיט ניט־געשטויגן — ניט־געפלויגן,
גלײַך איך וואָלט קיין אנדער דאגע ניט געהאט,
ווי קוקן אָף דער נארישער לעוואָנע,
וואָס טוקט אין וואָלקנס זיך א גאנצע נאכט,
צי נאָכשפּירן, ווי ס'שפּאנט זיך די וואָראָנע
אין שווארצן סורדוטל — פּאמעלעכן, באדאכט...

גוואלד, וואָס טוט מען מיט די אויגן?!
זיי ווילן זען, ווי עס וואקסט דאָס גראָז,
זיי וואָלטן אלע פארבן אײַנגעזויגן,
און פרעג זיי — צוליב וועמען, צוליב וואָס?

דאָס האַרץ זאָל ווי טאָן, וואָס אַ צווײַג האָט זיך
צעבראָכן,
וואָס רויפּעס פּרעסן אויף דעם קליאָן,
וואָס טרויעריק דער בליק איז בא מײַן שאָכן
(ער איז פאַרליבט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן...)

נאָר אַלץ איז ווערט — אַ דאַנק אײַך, מײַנע אויגן,
צו גאָר דער וועלט איר לייגט מיר דורך אַ בריק.
אָט הײַנט האָב איך געזען דעם רעגנבויגן,
די שײַן פון הימל אין דײַן בליק.

*

ווײַל דו ביסט מיר אייגן,
ווי די האנט די רעכטע,
וועסטו שטענדיק זײַן שוין
די געדעכטע.

— זעסט, ער איז א בלינדער! —
וועט מען שטוינען.
ס'ארט מיך ניט,
מע זאָל אזוי מיך קרוינען.

ווײַל דו ביסט מיר אייגן,
ווי די האנט די צווייטע,
וועל איך ביידע הענט
דיר אונטערשפרייטן

און פֿארשטעלן דיך
פֿון אַלדאָס שלעכטן,
און באַשיצן דיך,
מייַן אומגערעכטע.

— זעסט, ער איז פֿון זינען! —
וועט מען לאַכן.
כ'נעם זיך ניט צום האַרצן
פֿון אַזעלכע זאַכן.

וואָס דער פידל דערציילט

עפשער האָב איך גאָר פארשטאַנען ניט אזוי,
און גאָר ניט דאָס געמיינט דער פידל האָט צו זאָגן;
מיר האָט געדאַכט — אין מידבער כ׳זע א פרוי,
אַן קוי׳ך, אָן ווילן פארן לעבן זיך צו שלאָגן.

א ווינט לויפט אָן און רײַסט פון איר דאָס קלייד,
צעפּאַטלט איר די האָר און לאַכט מעשוגע.
די זון גייט אויף, די זון פארגייט,
און ס׳דרייט און פײַפט די ווילדע וויוגע.

די פרוי איז קליין, דער מידבער — אָן א ברעג,
דער זאמד האָט זי פארשאָטן ביזן גארטל,
און נאָר צום טויט פונדאַנען פירט דער וועג —
ניט לאַנג געבליבן איז איר וואַרטן.

און זי פֿארשטעלט די אויגן מיט די הענט
און זעט פֿאר זיך א וואלד מיט סאָסנעס און מיט שוואָמען...
פֿונוואנען קומסטו עס אהערצו אין דער פֿרעמד?
ווער ביסטו? רוף כאָטש אָן דײַן נאָמען.

צי ביסטו ניט אָט די, וואָס כ׳זוך שוין לאנג
און ערשט אצינד כ׳האָב דיך געפֿונען און פֿארלוירן.
אָ, זאָל זשע דויערן פֿון פֿידל דאָס געזאנג
און עפֿענען פֿאר דיר די רעטונגס־טויערן.

ווײַל עפּשער האָט דער פֿידל זאָגן גאָר געמיינט:
זײַן מידבער־צײַט עס האָט איעדער איינער...
און איך האָב שעמעוודיק און שטיל געוויינט —
פֿאר דיר, פֿאר איר, וואָס ניט געקאָנט האָט וויינען.

*

האָסט געפּילט
און האָסט פאַרשטאַנען,
אַז אָוועקגיין
כ'קאָן שוין ניט פונדאַנען.

האָסטו פרום
אַראָפּגעלאָזט די אַפּלען,
כ'זאָל דײַן פרייד
ניט זען אין די שוואַרצאַפּלען.

האָסט די בלוזקע
ביז דעם האַלדז פאַרקנעפּלט,
און דעם שטערן
מיט אַ קנייטש פאַרנעפּלט.

ס׳הייסט: איך קען דיך ניט
און וויל דיך גאָר ניט קענען...
און צונויפגעצויגן
האָסט די ברעמען.

וועל איך היינט באנאכט
אוודאי שוין ניט שלאָפן...
נאָר אפשר וועסטו גאָר
דיין טיר היינט לאָזן אָפן?

און קלוג וועסט זיין
אויך פונקט ווי דו ביסט בלענדיק,
און דער קלוגער אָנהייב
קלוג וועט זיין פארענדיקט.

אף דער טולפּאַנען־גאַס

אף דער טולפּאַנען־גאַס
אין שטאָט באַם יאַם
עס האָט א סקריפּ געטאָן
דער טויער.
און דו ביסט גלײַכגילטיק
אדורכגעגאַן,
מיך ניט דערקענט.
ס'האָט מיטן הימל זיך געשפּילט
דער יאַם דער בלויער.
א ווײַסע שיף פונוויַיטנס האָט געבלענדט,
זיך קוים פון אָרט גערירט,
און איך,
איך האָב דיר נאָכגעשפּירט

און אלץ פארשטאנען:
שוין וויפל יאָר ביסטו אזוי
באם ברעג געשטאנען,
געוואַרט מיט האָפענונג אף יעדער שיף,
געוואַרט, אז ווי א זעונג,
זאָל איך אופשטיין פון דער טיף —
א שטאַלטנער, און א בלאָנדער, און א שיינער...
נאָר קיינער קומט ניט,
ס׳קומט ניט קיינער...
און איצטער שטיי איך א געבויגענער באם בוים,
בא דעם טולפאנען־פלויט דעם גרינעם.
דו ביסט אוועק צום יאם באגעגענען דײַן טרוים,
וואָס דו וועסט קיינמאָל ניט געפינען.

*

אזוי איז אײַנגעשטעלט —
מע דארף זיך שעמען.
אזוי איז אײַנגעשטשעלט —
מע דארף זיך האלטן שטרענג.
נאָר דאָ אין וואלד
דו מעגסט מיך
פאר די פאטלעס נעמען
און צודריקן צום הארצן ענג.

ס'וועט די בערעזע בלויז
זיך סוידען מיט די יעלן,
דער דעמב וועט עפּעס פלאפלען
מיטן קליאָן,

איך ווייס געוויס,
אז זיי וועט אלץ געפעלן,
וואָס דו זאָלסט ניט טאָן.

די לערכע וועט אין הייכן
אין די קלאָרע
רימען אף א קאָל
דיין פלאטערדיק געשטאלט.
דער פיקהאָלץ
וועט פארשרייבן אף דער קאָרע
א נײַ געזאנג
פאר דעם אָרקעסטער פונעם וואלד.

און בלויז דער סיטש
וועט זיך באהאלטן
אינעם שאָטן
און שעלטן דיך און מיך
און אלץ ארום.
דערפאר איז ער א סיטש,
וואָס לעבט אין שאָטן
און שרעקט זיך פאר דער זון.

*

אומזיסט כ'צי אויס די האנט.
ווו זוכט מען דיך, אשטייגער?
דער זייגער אף דער וואנט
שלאָגט רויק צוועלף אזייגער.

די אויגן מאך איך צו,
די גאס איז איינגעשלאָפן,
ס'איז צופיל, צופיל רו —
ס'האָט עפּעס זיך געטראָפן...

עס קאפּעט פונעם קראנט,
עס סקריפּעט די פּאָדלאָגע.
ס'איז אלץ אזוי באקאנט...
ווען וועט שוין נעמען טאָגן?

דער שאָטן פון א בוים
פון דיל צום באַלקן קלעטערט.
איך הער זיך אײַן:
קוים־קוים
עס וויגן זיך די בלעטער.

איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט,
צערוק אפגיך די שטאָרן.
מע שלאָפט, ס'איז רויִק, שפּעט.
איך שטיי אליין פארלאָרן.

די אויגן מאך איך צו
און וויל זיך אלץ דערמאנען...
געווען איז צופיל רו —
כ'האָב ערשט אצינד פארשטאנען.

*

איך בין שוין אָפּגעוווינט
פון אזא פלאטערניש,
פון אזא ציטערניש,
פון אזא זיסער ביטערניש.

און שולדיק אין דעם אלץ
עס איז די זון,
פון יאם די זאלץ,
וואָס לייגט זיך אפן לייב.
און טוסטו נאָר א פרווו זי מיטן צונג,
דיר דאכט זיך אויס —
ביסט ווידער יונג.

איז טרײַב זי, די מאגייפע,
צי ניט טרײַב,
נאָר כ׳הער זיך צו צו איר,
געהאָרכזאם איר פארבלײַב:

אין שפיגל כ׳קוק ארײַן,
פארקעם זיך שיין די האָר
און פּרוּוו זיך אויסגלעטן די קנייטשן
בא די אויגן,
און ס׳דוכט זיך מיר:
אַן אנדער שײַן
זיי האָבן איצטערט אײַנגעזויגן.

אך, גאָט מײַנער,
וואָס איז מיט מיר געשען?
דער טײַוול נעמט מיט מיר זיך שפּילן —
באם יאם כ׳האָב נאָכאמאָל
מײַן גאָלד־פּאווע דערזען...
נאָר כ׳האָב דערמאָנט זיך,
אז איך זע זי איצט דורך ברילן...

די מאָס פאַר ליבע

די מאָס פאַר ליבע איז די צײַט,
און ניט דאָס וואָרט דאָס הייסע,
די מאָס פאַר טרײַהײַט איז די ווײַט —
דאָס ווייס איך גוט, דאָס ווייס איך.

ווען ס׳האָט די קעלט געמאַכט מיך קליין,
געשטאָכן מיר די פינגער,
האָב איך געוווּסט — כ׳בין ניט אַליין,
און ס׳איז געווען מיר גרינגער.

דײַן ליבע איז געווען מיט מיר,
אין מאַרך, אין מײַנע ביינער.
פיר טויזנט ווערסט איז ביז דײַן טיר,
נאָר ווייסן כ׳ווייס נאָר איינער —

קיין מינדסטן שפּאַן ניט מאַכן כ׳דאַרף,
דו ביסט מיט מיר, דערנעבן,
דיַין טריַיהיַיט יווירט אין מיר, דיַין קראַפט,
דיַין ליבשאַפט און דיַין לעבן.

לעש ניט אויס דאָס פײַער

אזא מין גרויסער סטעפּ,
דאָס אויג קאָן ניט פאַרנעמען.
איך גיי, עס איז שוין שפּעט —
וווהין?
צו וואָס?
צו וועמען?

דער שניי איז בלױ און שטײַף,
און מײַנע פּוישטן סקריפּען.
עס טוט דער ווינט א פּײַף —
ער רופט מיך פרײַנטשאפט קניפּן.

איך בלאָנקע, ווי דער ווינט,
און וויל דאָ רו געפינען,

ווי א פארבלאָנדזשעט קינד,
עס בענקט מײַן הארץ, מײַן זינען.

איך האָב דײַן שוועל פארלאָזט
און ניט געמיינט זיך קערן.
ס'איז גאָרניט אזוי פּראָסט —
א הארץ דעם וועג פארווערן.

איך קוק זיך אום צוריק —
אין שויב עס לויכט א פײַער,
ער קאָוועט צו מײַן בליק,
כאָטש ס'רופט דער סטעפּ דער פרײַער.

*

פאמעלעכן גיי איך
אנטקעגן דער נאכט,
פון סאָסנעס דער רייעד
אין וואלד מיך פארנארט.

ס׳איז ווייטעקדיק נאָענט
און ווייטעקדיק פרעמד
דאָס טליִען פון אָוונט,
וואָס ברענט און דערברענט.

ס׳דערטראָגט זיך פון הייכן
א ניגן פארטרוימט,
פון מוילעד דער שמייכל
מײַן אומרו פארלוימדט.

דערשראָקן א לערכע
פון שלאָף זיך צעשרײַט,
און ס'ענטפערט אַן עכאָ
דעם פויגל פון ווײַט.

א פײַערל בלענדט
צווישן וואלדיקן זײַד,
ס'איז מוירעדיק פרעמד,
נאָר עס רופט מיך פארשײַט.

קאָן זײַן גאָר, אז דאָרט,
אינעם פרעמדן געצעלט,
געפינען כ'וועל פאָרט,
וואָס א לעבן מיר פעלט.

נאַך לאנגע יאָר צעשיידונג

דיך האָבן אויסגעגעבן דײַנע אויגן —
דו האָסט מיך ניט דערקענט.
די הענט דו האָסט מיר אויסגעצויגן —
ס׳איז אָבער פרעמדע הענט.

אומזיסט האָסטו דעם זיפץ פארהאלטן,
מײַן אלטער פרײַנט.
אין אויסגעוועפטן בליק אין קאלטן
אמאָל א בליץ נאָך שײַנט.

א בליץ?
עס טרעפט שוין אָבער זעלטן,

און ווילסטו וויסן, —
שויך גענוג געבליצט!
כ׳בין דורכגעגאנגען טויזנט וועלטן —
האָט יעדער טראָט אין מיר זיך אײַנגעקריצט.

און איצט?
צוריק איך וויל זיך איצט ניט קערן,
כאָטש דעמלט האָט געבליט, געגרינט.
מיך קלעמען ניט די קנייטשן אפן שטערן —
כ׳האָב ערלעך זיי פארדינט.

ס׳האָט יעדער קנייטשעלע געקאָסט מיך טײַער,
דער זילבער פון די האָר —
נאָך טײַערער פון גאָלד.
פון סינע האָט מיך אָפּגעבריט דאָס פײַער,
און ליבע וועט אף אלע יאָרן סטײַען.
וואָס נאָך וואָלסטו געוואָלט?

איז רויק קוק אף מײַן צעקנייטשטן פּאָנעם,
און זײַ אף מיר ניט בייז,
און ווילסטו גאָר,
וועל איך דיר אלץ דערמאָנען,
און זאָל דאָס זײַן פאר אונדז א טרייסט.

א בריוו

א שאָטן פון טרויער, אַן אָפּשײַן פון פרייד
עס האָבן מיך שטענדיק אין לעבן באַגלייט.

אָט דאַכט זיך, אַז לעבן ז׳ניטאָ צוליב וואָס,
א גלײַכגילט באַפאַלט, צי ס׳פאַרגיפט א פאַרדראָס.

גלײַך עמעצער וואָלט דיר געוואָרפן א שטיין —
פון רעכטס צי פון לינקס איז ניט גרינג צו פאַרשטיין.

און פּלוצעם א שאָרך צי א קלאַפּ אין דער טיר —
א בריוו אַף א בייגעלע ווײַסן פּאַפּיר.

„גוט־מאָרגן, מײַן ליבער...״ — און ס׳דאַכט זיך, די וועלט
האָט קיינמאָל געוווּסט פון קיין ווינטער און קעלט.

און ס'ווערן די הענט און די פיס אזוי גרינג,
כאָטש כאַפּ די לעוואָנע און קלינג אין איר, קלינג.

וואָס טרויער, ווער טרויער, ווער זאָגט עס „פאַרדראָס"?
בלויז פרייד איז אצינדער די איינציקע מאָס.

א שפּאַס

איך האָב געמיינט,
עס איז א שפּאַס,
האָב איך געוואַרט אף דיר אין גאַס,
נאָר ס'איז אַוועק א טאָג,
א נאַכט,
און כ'האָב אף דיר זיך ניט דערוואַרט.
האָב איך זיך, הייסט עס, אָפּגענאַרט?

איך האָב געשפּאַנט
פון וואַנט צו וואַנט,
געשפּאַנט, געשפּאַנט
און זיך דערמאַנט:

א פלעק פון שײַן
איז אפן טיש,

איך נעם א בוך,
איך לייען, מיש,
און מיטאמאָל
כ׳דערהער דײַן קאָל,
מיר דוכט, עס קלינגט,
ווי אַלעמאָל,
נאָר אומגעריכט איז יעדעס וואָרט
און כ׳בלײַב ווי צוגעשמידט צום אָרט.

כ׳דערפיל אף אקסלען
דײַנע הענט,
און רויִק זאָגסטו,
אומפארשעמט:
— געשען עס מוז —
נו, שפעטער, פריי׳ר,
איז גלײַכער צומאכן די טיר
אָט איצטער,
באלד...
אין האלדז דערשטיקט געבליבן איז דער גוואלד:
„שוין? באלד?!"
אין מאָסקווע, זאָגסטו רויִק,
איז קאיאָר,

דײַן צימער איז שוין אופגעראמט,
מע ווארט, אז דו זאָלסט קומען,
מע ווארט אף דיר
שוין זיבן לאנגע יאָר.
און איך האָב אף א שפּאס דיך צוגענומען.
פארגיב זשע מיר
און זײַ אף מיר ניט בייז,
כאָטש, סײַוויסײַ,
אלציינס!..

דו זאָגסט, א שפּאס?
אזוי־אָ שפּאסט א שעד!
נאָר דו האָסט ניט געשפּאסט
און ניט געלאכט,
דו האָסט פאר מיר געווייטעקט
און געטראכט,
דערפאר האָסטו די טיר פארמאכט.

און איצטער שפּאן איך אום
פון וואנט צו וואנט
און פיל נאָך אפן אקסל
אלץ דײַן האנט.

ארטאשעס

די זון האָט ווידער זיך געזעצט אין יאם —
אין הימל אופגעפראלט איר פײַערדיקן טויער.
אָט דאן איז זי צום וואסער צוגעגאן —
די זעלבע פרוי אין שווארצן קלייד פון טרויער.

זי מאכט א שפאן אף זון־געפלעקטן שטעג,
וואָס ציט פון הימל־ברעג צו אירע פיס זיך.
אָט וועט זי, דוכט, צום האָריזאָנט אוועק...
וואָס זוכט די פרוי, ווער איז זי?

איר פּאָנעם רויק איז און קאלט, ווי טונקלער מעש.
ס'איז פרעמד איר לאָשן מיר,
כ'פארשטיי קיין וואָרט אפילע.

פארוואָס זשע עגבערט מיך דער נאָמען ארטאאשעס?
א נאָמען איז דאָס? צי אַן אָנהייב פון א טפילע?

און אלעמאָל, ווען ס׳ברענגט איר מויל ארויס
דאָס ציטעריקע וואָרט, עס גייט א גרויל מיר איבער.
כ׳האָב ערגעץ דאָס געהערט... נאָר עפשער דאכט זיך בלויז?
ווער איז דאָס ארטאאשעס?
א זון, א פרײַנט א ליבער?

דעם לעצטן פונק די זון אין יאם פארלעשט,
די פרוי פארלאָזט דעם יאם, די טונקלע ברעגן.
וואָס הייסט עס ארטאאשעס?
וואָס הייסט עס ארטאאשעס?
איך שעפטשע שטיל
און שרעק זיך דאָס צו פרעגן.

די זון האָט ווידער זיך געזעצט אין יאם —
אין הימל אופגעפראלט איר פײַערדיקן טויער.
און ווידער איז די פרוי צום וואסער צוגעגאן —
די זעלבע פרוי אין שווארצן קלייד פון טרויער.

ווער צווינגט עס דיך

קיינער האָט אזויפיל ניט געליטן
פון מײַנע געענג און מײַנע זײַטן,
ווי דו, מײַן טרייסט.

קיינער האָט אזויפיל ניט באנומען,
פונוואנען קאָן דער אומרו צו מיר קומען,
און דו — דו ווייסט.

און ווען מײַן קאָפּ, ער פאלט א מידער,
צו דיר איך קום זיך קלאָגן ווידער,
און דו פארשטייסט.

פארוואָס זשע קומט עס דיר מײַן לאסט צו טראָגן?
פאר מײַנע זינד א לעבן קלאָגן,
ווער צווינגט עס דיך, ווער הייסט?

לאַכסט און זאָגסט — איך טרײַב אַלץ איבער.
אָט דערפֿאַר טאַקע, דעריבער,
ווײַל דו ביסט מײַן טרייסט,

ווײַל דו איינע ווייסט,
דו, נאָר דו פֿאַרשטייסט.
הײַנט פֿאַרשטייסטו,
וואָס דאָס הייסט?

ניט אומיסטן

ווידער שוין בארויגעז,
ווידער קידער־ווידער.
זאָג מיר, ווּעמען טויג עס?
סיַידן מיַינע לידער?

מיַינע אויגן, זאָגסטו,
גיבן אויס מיך שטענדיק...
אָט דערפאר־אָ קלאָגסטו?
נו, געַנוג שוין, ענדיק!

ס'איז דאָך אַלץ א שפּיל נאָר,
אַלץ אזוי אומגערן.
ווער א רעגע שטיל נאָר,
ווילסט, וועל איך דיר שווערן...

נאָר צו וואָס די שוועס?
מעגסט אַליין שוין וויסן —
נארעלע, איך טו עס
קיינמאָל ניט אומיסטן.

אויב מײַן בליק נעמט ברענען,
איז א גוטער סימען...
הייסט עס, כ׳וועל נאָך קענען
אין מײַן ליד דיך רימען.

*

די ליגנערטע — די האָפענונג
האָט ווידער אָפּגענאַרט.
איך ליג מיט אויגן אָפענע
און טראַכט
אַ גאַנצע נאַכט.

און אין דער ווילדער פינצטערניש
כ׳זע אַלץ, ווי אין באַגין,
איך ווייס גענוי, וווּ ביסטו איצט,
כאָטש כ׳ווייס ניט, וווּ איך בין.

אין הויז בענקט יעדער ווינקעלע,
עס בענקען שטיל די ווענט.

אז אלץ זאָל דאָ צעפּינקלען זיך,
איז נאָר אין דיר געווענדט.

א דאנק דיר, טרײַע ליגנערטע —
מײַן האָפענונג, — א דאנק.
נאָר צוליב דיר איך ליג איצט דאָ
און קעכל מײַן פארלאנג.

אײַנגעאקשנט־אײַנגעשפּארט

פֿארשטײסט דען ניט,
דו װײסט דען ניט,
דו האָסט דען ניט קײן סײכל?
פֿארשטײסט דען ניט,
דו װײסט דען ניט,
װאָס באטײַט דער שמײכל?

זאָל זי שמײכלען,
זאָל זי לאכן,
און אפֿילע כװיזעק מאכן...
כ׳בין א מײװן אף די זאכן —
קומען װעסט צוריק!

אָט אזױ־אָ רײד איך אײַן זיך
טאָג און נאכט.

אָט אזוי־אָ ליג איך
און איך טראכט־פארטראכט.
אָט אזוי־אָ מיט די אויגן
צוגעמאכט־פארמאכט.

כ׳טראכט
און זע, ווי ס׳שטייט א שיפל
אין טשערעט.
כ׳טראכט אזוי שוין וויפל־וויפל,
ס׳איז נאָך פרי צי שפעט?

אינעם שיפל זיצט ניט קיינער,
ס׳וויגט זיך שטילערהייט,
צו דעם ברעג ס׳איז צוגעבונדן
אף א קורצער קייט...

וואָס פאר שיפלעך מיטנדרינען?
קאָן איך ניט דערגיין.
כ׳קאָן קיין ענטפער ניט געפינען —
קריץ איך מיט די ציין.

ווארט נאָר, לאָז זיך מיך דערמאנען,
דאכט זיך, כ׳האָב אצינד פארשטאנען...

ניט פֿאַרשטאַנען,
נײַן!

אָט אַזוי־אָ ליג איך
און איך טראַכט־פֿאַרטראַכט.
אָט אַזוי באַטאָג,
און אָט אַזוי באַנאַכט —
אײַנגעאַקשנט־אײַנגעשפּאַרט...

צווייפל

איך ווייס ניט, ס'איז א גנאָד צי גאָר א שטראָף —
מײַן אָטעם היטסטו אָפּ אפילו אינעם שלאָף.
און ווי איך זאָל ניט היטן זיך פון דיר,
פארשטייסטו אלץ און אלץ דו ווייסט אפריי'ר.

אין מײַנע אויגן זעסטו מיך, אין קנייטש פון ברעם,
אין בייג פון קאָפּ. אפילו אויך אין דעם,
ווי ס'הויקערט זיך מײַן פּלייצע, ווי איך שטעל דעם טראָט,
און אלץ עס גייט דיר אָן, און אלץ איז דיר א שאָד.

פארוואָס זשע קומט עס מיר, און דיר פארוואָס דאָס קומט?
דעם סייכל כ'וויל פארשטיין, דערקלײַבן זיך צום גרונט.
ניט שוין דערפאר, וואָס צווישןביידע ליגט א בריק,
וואָס פירט פון דיר צו מיר, פון מיר צו דיר צוריק.

און אלע וועגן, וואָס ס׳פאַרמאָגט די וועלט,
זיך מוזן ענדיקן באַ דעם געצעלט,
וואָסביידע האָבן מיר געבויט און אופגעשטעלט,
וואָס ביידע האָבן מיר באַשײַנט, באַהעלט

און אָנגערופן היים. פאַר דיר, פאַר מיר און פאַרן קינד.
און כאָטש איך ווייס, אַז ס׳איז די צוים קיין זינד,
מיר דוכט זיך אָפט, אַז אָט די שוועל,
ווו דו, ווו איך, דעם לעצטן טראָט איך שטעל,

מאַכט ענג און קליין פאַר אונדז דעם רוים,
איז צווייפל איך, צי איז אַ גנאָד די צוים.

*

כ׳וועל אוועק אין די בערג.
איך באדארף קיין באגלייטער.
כ׳וועל אוועקגיין,
דו הערסט?
אין א וועלט אין א צווייטער.

די הילכיקע שטילקייט
מיט ציטער כ׳וועל הערן.
דער בארגיקער ווילדקייט
מיין ליד וועט ניט שטערן.

כ׳וועל דארט טרעפן אין וועג
אן אקשן אן אלטן,

וואָס פון בעט איז אוועק
פונעם טויט זיך באהאלטן.

פון מײַן טראָט וועט א שטיין
צו דעם אָפּגרונט זיך ווארפן,
ס׳וועט אן עכאָ דערגיין
צו דײַן אויער דײַן שארפן.

כ׳וועל דײַן גרויליק געשריי
אין די הייכן דערהערן.
ס׳וועט מײַן בענקשאפט, דײַן וויי
פון די בערג מיך אומקערן.

עס קאָן געשען אזוי

עס קאָן געשען אזוי,
עס קאָן זיך טרעפן,
אז פּלוצעם זאָל די טיר
זיך טאָן אַן עפן,
דו זאָלסט אַרײַנקומען,
ווי גאָרניט וואָלט פאַרלאָפן:
געזעגנט זיך —
און ווידער זיך געטראָפן.

כ׳וועל אופשטיין פונעם אָרט,
דיר גיין אַנטקעגן,
און גאָרניט זאָגן דיר,
דיך גאָרניט פרעגן.
כ׳וועל אופהענגען דײַן מאַנטל
אויף דער וואַנט

און דריקן לאנג
דײַן דינע קאַלטע האנט.

וועסט צוגיין צו דעם שפּיגל
און זאָגן וועסטו פראָסט:
— א שטויב אין שטוב,
ס׳איז אַלץ פאַרלאָזט...
א וויש טאָן מיט דער דלאָניע
וועסט דאָס גלאָז,
דערזען מײַן גראָוון קאָפּ —
נאָר פרעגן מיך, פאַרוואָס
כ׳בין גראָו געוואָרן, —
וועסט ניט קענען.
דו וועסט צונויפציִען די ברעמען,
א קער טאָן זיך צו מיר,
מיט שרעק א קוק טאָן אויף דער טיר,
אָן ענטפער זוכן אין מײַן בליק:
„איז מעגלעך אַלץ צוריק?"

עס קאָן געשען אזוי,
עס קאָן זיך טרעפן.
נאָר ס׳טוט דערווײַל
די טיר זיך ניט קיין עפן.

א טראָפּן פרייד

זאָלסט אַ טראָפּן פרייד מיר שענקען —
וואָלט איך אייביק דאָס געדענקען.
זײַ ניט קארג, מײַן קינד.

זע נאָר, ווי די פעלדער בליִען,
זע נאָר, ווי די פייגל פליִען —
הער זיך אײַן אין ווינט.

הערסט, ער סוידעט זיך מיט בלעטער
און אין טײַך די וועלן בעט ער:
— רינט אײַך, רינט!

ס'איז די זון שוין אופגעגאנגען
און געקושט אין פעלד די זאנגען:
— גרינט אײַך, גרינט!

ס'איז די בין שוין אויך געפלויגן
צו דער הרעטשקע זאפטן זויגן —
גרינג און לינד.

יעדער האָט שוין זײַנס באקומען,
קוועלט די וועל, דער בוים, די בלומען —
ווארט איך אויך אצינד,

זאָלסט א טראָפּן פרייד מיר געבן,
וועל איך שוין דאָס גאנצע לעבן
שיקער זײַן, מײַן קינד.

*

די פּיס אױף דער קאַנאַפּע אונטער זיך,
דאָס קלייד אונטער די קני פאַרצויגן,
אין בײדע דלאָניעס דאָס געזיכט,
פאַרשטאַרטע קוקן אין דער װײַט די אויגן.

די שאַפּע אויפגעפּראַלט — אַ פּוסטער פּיסק.
אויף גרינעם טעפּיך — בלאַנקענדיקע שליסל.
עס זומזעט דורך אַ פליג,
פּונקט װי אַ שאָס פון ביקס
די שטילקייט אינעם צימער װאָלט צעריסן.

אַ קליינינק צעטעלע אויף שפּיגל־גלאָז.
די פליג הייבט װידער אָן צו זשומען.

צו וואָס דאָס לייענען?
זי ווייסט שוין, וואָס
אין צעטל שטייט:
„כ'וועל מער ניט קומען".

א צוג איז דורכגעגאַן

א צוג איז דורכגעגאַן
פון שטאָל און גלאָז
און איז פאַרשוווּנדן,
א צוג איז דורכגעגאַן...
איז וואָס?
פאַרוואָס זשע שטיי איך
ווי געבונדן?

ס'איז, דאַכט זיך, גאָרנישט, גאָרנישט ניט געשען,
געווען א צוג, צי ניט געווען?

אן אַלטע פרוי —
א שטילע טויב —

געשטאנען איז,
געקוקט אין שויב.
פונוואנען איז זי,
ווי זי הייסט —
ווער ווייסט?

א יונגע פּאָר
געאײַלט האָט מיטן באן,
אנטקעגן זיי
דער טאָג איז אופגעגאן
און האָט געוויס געבראכט זיי טרייסט —
ווער ווייסט?

ס׳איז דורך א צוג,
מיך שטיין געלאָזט,
אָט פינקטלעך ווי דער ווינט,
וואָס בלאָזט,
ארומגעכאפּט דאָס לײַב מיט פראָסט,
אוועק — און אויס,
נאָר עפּשער דאכט זיך בלויז?

דו כאפּ אַ קוק אױף מיר אַזױ —
דו זעסט? מײַן קאָפּ װערט אױכעט גרױ,
כ'בין, װי די אַלטע, אױכעט אַלט,
נאָר אָפּט די יונגקײַט מיך באַפֿאַלט
מיט דורשט און מיט פֿאַרלאַנגען.
איז פֿרעג מיך ניט פֿאַרװאָס, פֿאַרװען,
דו פֿרעג דײַן האַרץ, װאָס איז געשען? —
אַ צוג איז דורכגעגאַנגען.

לאָמיר פּאמעלעכן גייִן

לייג זשע אוועק מיר
די האַנט אפן אקסל
און לאָמיר פּאמעלעכן גייִן.
דו טײַנעסט דאָך שטענדיק,
אז איך בין אן אקשן, —
איז זאָג מיר ניט „ניין".

פון יענער זײַט בארג
איז דער וועג שוין א גרינגער,
דאָרט לויפן די סטעזשקעס אראָפּ.
לאָז, כ'וועל דערווארעמען
דיר דײַנע פינגער —
מיר פאר דײַן זילבערנעם קאָפּ.

און אויב ס׳איז איין האָר כאָטש
באַזילבערט געוואָרן
פאַר מײַנער א זינד,
איז ווייס איך: דערמיט
האָב איך דרײַפאַך פאַרלאָרן —
כ׳פאַרשטיי דאָס אצינד.

קום, לאָמיר גיין,
ס׳איז דער וועג ניט קיין ווײַטער,
אָט זעט זיך שוין דאָרטן דער ברעג.
און אויב דו ביסט מיד,
און אויב ביסט פאַרמאַטערט,
דעם קאָפּ אױף מײַן קני לייג אוועק.

איך וועל דיר דערציילן
א ווײַטע געשיכטע —
פון יענער זײַט באַרג קומט זי פאָר, —
דאָרט אינעם וואַלד
צווישן סאָסנעס געדיכטע
בלאָנדזשעט זי אום וויפל יאָר:

אמאָל איז געווען...
וואָס געווען, איז פאַרפאַלן!

נאָר פאָרט איז געווען אַזוי:
געווען איז אַ מיידל,
ניין, ניט ווי אַלע!
און איצטער — אַ זילבערנע פרוי.

דאָס גאָלד פון די האָר
האָט איר אייניק געיאַרשנט,
איז דאַרף איך שוין מער ניט קיין גאָלד.
און פונקט ווי דער זיידע —
אַ ביטערער אַקשן...
דרײַפאַכיק האָט ער אים באַצאָלט.

איז קום, לאָמיר גיין,
ס'איז קיין סאַך ניט געבליבן.
איך וויל ניט,
איך דאַרף ניט צוריק.
מיר זײַנען שוין צוויי מאָל
אַריבער די זיבן —
די יאָרן פון פײַן
און די יאָרן פון גליק.

א שניי איז געגאנגען

א שניי איז געגאנגען,
א שניי האָט געשאָטן
און האָט מיך באגלייט,
ווי מײַן אייגענער שאָטן —
און האָט מיך באשאָטן,
באשאָטן,
באשאָטן.

א שניי איז געגאנגען,
א שניי איז געפאלן
און האָט מיך דעריאָגט,
און איז מיך באפאלן,
און ס׳איז שוין פארפאלן,
פארפאלן,
פארפאלן.

באנאכט האָט געזונגען א פרוי

באנאכט האָט געזונגען א פרוי,
דער ניגן צו מיר איז דערפלויגן.
איך ווייס ניט, צי שווארץ, צי גאָר גרוי
עס זײַנען בא איר די אויגן.

נאָר ס׳האָט מיר געדוכט, אז שוין לאנג
אין מיר האָט געדרעמלט דער ניגן,
אז כ׳האָב שוין געהערט דאָס געזאנג
באם סקריפ פון א קינדעריש וויגל.

און פלוצעם האָב איך זיך דערמאנט —
ס׳אן אייביקײַט, דוכט זיך, פארגאנגען:
א טעפיכל הענגט אף דער וואנט,
א העזעלע זיצט צווישן זאנגען.

אין וויגל עס דרעמלט מיַין קינד
און כאפּט דורך דעם דרעמל דעם ניגון...
ס׳א כאָלעם, מיר דאכט זיך אצינד,
דער טעפּיך, דאָס קינד און דאָס וויגל.

באנאכט האָט געזונגען א פרוי,
א דאנק דיר, מיַין ווילע און גוטע...
איך וויס ניט, צי בלאָנד ביסט, צי גרוי,
נאָר דו ביסט, ווי מיַינע א מוטער.

דאָס טעלערל פֿון הימל

אַז עס וויל מײַן טאָכטער
פֿאַנגען די לעוואָנע, —
לויפֿט זי שעפּן וואַסער
פֿון דעם טיפֿן ברונעם.

פֿון דעם זילבער־טעלער
שערבעלעך צעפֿאַלן.
וויינט דער נאַר דער קליינער,
אירע טרערן שטראַלן.

— זע, אין דײַנע אויגן
צוויי לעוואָנעס שײַנען!
וויינט דער נאַר דער קליינער:
ניט פֿאַר איר זיי זײַנען.

— נו, גענוג שוין, טאָכטער,
ווער שוין, ווער אנשוויגן,
ס׳טעלערל פון הימל
אף דער ערד וועסט קריגן.

*

כ׳האָב ערגעץ שוין אמאָל געזען
דעם ברעג, דעם קיפּאַריס,
איך ווייס ניט וווּ און ווייס ניט ווען,
נאָר כ׳האָב געזען, געוויס!

דאָס קינד באַם אָפּגרונט כ׳האָב דערקענט,
אָט נאָך אַ שפּאַן — און אויס!
די מאַמע כאַפּט עס אין די הענט
און דריקט עס צו דער שויס.

געוויס שוין טויזנט יאָר דערין,
און פינקטלעך, ווי אצינד:
דער קיפּאַריס איז אַלץ נאָך גרין,
באַם אָפּגרונט שטייט דאָס קינד...

פאָלקס־מאָטיוון

*

ריידן איז זילבער
און שווײַגן איז גאָלד,
נאָר איך האָב דיר זאָגן
פון לאַנג שוין געוואָלט,
אַז איך האָב דיך האָלט.

לאַנג כ'האָב די ווערטער
געזיפּט און געקליבן,
נאָר איך האָב געפּאָלגט
און האָב שטענדיק געשוויגן:
ערשט לאָזט זיך גאָר אויס,
ס'איז די מײַסע אַ ליגן.

איך האָב געשוויגן,
און ער האָט גערעדט...
איצט מעג איך שוין שווײַגן —
ס'איז ריידן שוין שפּעט.

ווײַל עס איז מיר גוט מיט דיר

הערסט דעם רוף? מיך רופט די שלאַכט,
כ׳מוז דיך איצט פאַרלאָזן.
ס׳וועלן הײַנט אַ גאַנצע נאַכט
בייזע ווינטן בלאָזן.

ווײַל עס איז מיר גוט מיט דיר,
ווײַל דו ביסט מיר טײַער,
מאַך איך צו דײַן שטילע טיר,
לאָז זיך קעגן פײַער.

זאָג דײַן מאַמעניו אַזוי,
זאָל זי זיך ניט שעמען,
זאָג איר, זײַן וועסטו מײַן פרוי,
אַז איך וועל דיך נעמען.

זאָג דײַן טאַטן טאַקע הײַנט,
זאָל ער דיך ניט שעלטן.
כ׳גיי אין שלאַכט אַנטקעגן פײַנט
מיט כאַוויירים־העלדן.

זאָג דײַן שוועסטער, זאָג איר אָן,
כ׳וועל צוריק זיך קערן
אונטער אונדזער הייסער פֿאָן
מיט דעם רויטן שטערן.

זאָג די כאַוועריטעס פֿון ליק,
זאָלן זיי ניט מיינען...
כ׳וועל זיך אומקערן צוריק
צו מײַן טרוים מײַן שיינעם.

וועסט אַרויסגיין אויף דער שוועל,
מיר די האַנט דערלאַנגען
און דערקענען וועסט מײַן שטעל
אין שינעל דעם לאַנגן.

עפּשער וועסטו אויף די הענט
אונדזער קינד שוין האַלטן...

וואָס זשע האָסטו זיך פאַרשעמט
און דעם בליק באַהאַלטן?

זאָגט זי פּלוצעם: — ליבער, וואַרט,
כ׳וועל מיט דיר זיך לאָזן —
ס׳מעגן הײַנט אַ גאַנצע נאַכט
בייזע ווינטן בלאָזן.

הערסט? עס יאָגן שוין די פערד,
און די ווײַטן פלאַמען.
גיב, מײַן ליבער, מיר אַ שווערד,
מירן גיין צוזאַמען.

שיילסט קאַרטאָפל — שייל

ווּעמען גייסטו דאָס דערציילן,
אַז געווען ביסט שיין?
דאַכט זיך, דאַרפסט קאַרטאָפל שיילן —
זיץ און שייל.

ווּעמען ווילסטו, נאָר דו איינער,
זאָגן, אַז דײַן מאַן
איז געווען אַ יונג מיט ביינער?..
ס'איז שוין אַלץ פאַרגאַן.

ס'וועלן קינד־און־קייט דאָך לאַכן,
בעסער ניט דערצייל.
ווער דערמאָנט אַזעלכע זאַכן?
שיילסט קאַרטאָפל — שייל...

דווירעלע לאכט

דווירעלע לאכט
און באוויַזט אירע ציין.
זי זאָגט אים ניט „יאָ“
און זי זאָגט אים ניט „ניין“.

ס׳וואָלט בעסער געווען,
זי זאָל נעמען א האק
צי געבן אים פּאָשעט
א טראסקע אין באק,

נאָר זאָל זי ניט לאכן...
נאָר דווירעלע לאכט,
אנטלויפט אין דער פינצטער:
— א גוטינקע נאכט!

די דינינקע קנאפּעלעך
צאַקען אין שטיין.
צאַק־צאַק קאָן באַטײַטן
סײַ „יאָ“ און סײַ „ניין“.

דווירעלע וויינט,
און זי זאָגט ניט פאַרוואָס.
עס שטיקט אינעם האַלדז זי
א גרויסער פאַרדראָס.

א גוילעם אזא,
זאָל ניט קאָנען פאַרשטיין...
כאַטש נעם און צעהאַק זיך
דעם קאָפּ אף א שטיין.

צאַקען די קנאַפּעלעך
ווײַט אין דער נאַכט...
— דווירעלע, לויף ניט!
דווירעלע, וואַרט!

דווירעס געלעכטער
דערטראָגט זיך פון ווײַט.
דאָס לאַכן, דאָס וויינען —
דאָס זעלבע באַטײַט.

לאם־צי־דעראם

ס׳האָט דער פעטער מוישע
ליב געהאט א קויסע.
לאם־צי־דעראם!
ס׳איז דער פעטער מוישע
א כאָכעם א גרויסער —
רעדט ער צום גראם:

— הערט א מײַסע, נאָר א שיינע,
כ׳האָב א ווײַב
און האָב א שכיינע —
אין דער גאָרער וועלט נאָר איינע —
מיינט איר ווער — די שכיינע?
לאם־צי־דעראם!

כ׳נעם דאָס שטעקל,
גיי שפּאַצירן,
ווּ וועט מיך דאָס שטעגל פירן?
צו דעם ווײַב צי צו דער שכיינע...
לאם־צי־דעראם!

כ׳קלאפּ אין לאָדן
קוים צו הערן,
ווינקט מיר אונטער
דער לאמטערן:
— היי, ווּ קלאפּסטוּ?
פלייש מיט ביינער,
צו דעם ווײַב
צי צו דער שכיינע?
לאם־צי־דעראם!

— כ׳זאָל פון בייז אזוי שוין וויסן...
באלד וועט זיך די טיר אופשליסן,
עפּשער וועל איך דעמלט טרעפן,
ווער ס׳האָט מיר די טיר געעפנט.
לאם־צי־דעראם!

זײַ געזונט

טאָמער װעסטו פאָרן
דורך די ברייטע סטעפּן,
זאָלסטו בא קיין שטעכלקעס
ס׳אָנטאָן ניט פארטשעפּען.

כ׳האָב אויסגענייט דײַן העמדל —
דעם קאָלנער און די זוימען.
כ׳האָב אין דעם ארײַנגעװועבט
אלע מײַנע טרוימען.

אז דו זאָלסט נאָך װערן
ליבער מיר און טײַער,
האָב איך אפן קאָלנער
אויסגעהעפט א פײַער.

ס׳וועט דאָס העלע פײַער
בא דײַן האלדז דײַן שלאנקן
דיך אין וועג דערוואַרעמען
אין דעם וועג דעם לאנגן.

אויב דו וועסט א צווייטע
ערגעץ־ווּ באקומען,
קוק דאן אפן העמדל,
אף די רויטע בלומען.

זומער־בלומען פרישע,
און אזעלכע צארטע —
דאָס איז ניט קיין פאָדעם,
דאָס איז בלוט פון הארצן.

טאָמער וועסטו פאָרן
דורך די ברייטע סטעפּן,
זאָלסטו בא קיין שטעכלקעס
דאָס אָנטאָן ניט פארטשעפּען.

זײַנע אויגן אויכעט בלויע

אף די צווײַגן זינגט א פויגל —
אוי, ס׳איז איר געזאנג...
יענער אָוונט איז פֿארפֿלויגן,
כ׳האָב מיט צוגעמאכטע אויגן
דאן געהערט דעם קלאנג.

כ׳האָב געהערט, און מער האָט קיינער
פון דער ליד געוווּסט,
איצטער זינגט זי נאָכעט איינער
מיט א שטים א ריינער, שיינער
אף דעם גרינעם קוסט.

אוי, דו פויגל, אוי, דו זינגער,
האָסט געהערט איר שטים?
אויב דו ביסט אזא מין פלינקער,
אויב דו ביסט אזא מין גרינגער, —
פלי זשע גלײַך אהין.

פלי אוועק צום טײַך דעם ברייטן,
עפשער זיצט זי דאָרט,
עפשער זינגט זי פאר א צווייטן
יענע ליד פון זומער־קווייטן,
פינקטלעך וואָרט אין וואָרט.

ווערט דאָס פייגעלע אנשוויגן,
לאָזט זיך גיך אין וועג...

— — — — — — — — — — — —

יאָ, זי זינגט אצינד דעם ניגן
פאר א צווייטן אינעם וויגל,
זינגט אים נעכט און טעג.

זײַנע אויגן אויכעט בלויע,
פֿינקטלעך ווי בײַ דיר.
און זי וואַרט פֿון לאַנג בײַם טויער,
אירע אויגן, פֿול מיט טרויער,
בײַטן דעם קאָליר.

נארעלע

ווער קוקט אין פענצטער דאָס צו מיר?
יאָ, ס׳איז זי, כ׳מעג שווערן.
נארעלע, עס דאכט זיך דיר,
ס׳קוקט אריַין א שטערן.

ווער זשע זינגט עס בא דער טיר?
יאָ, כ׳געדענק דעם ניגן.
נארעלע, ס׳איז ניט פאר דיר,
א מאמע זינגט באם וויגל.

ווער זשע קלאפּט צו מיר אין שויב?
יאָ, ס׳איז אירע פינגער.
נארעלע, עס איז א טויב,
צי א ווינט א פלינקער.

ווער זשע רופט מיך אזוי צארט?
יאָ, ס'איז זי אצינדער.
נארעלע, דאָס בענקט דײַן הארץ —
ווילסט דעם מאכן לינדער.

א מאטאָנע

האָסט געשענקט מיר א מאטאָנע
און א קוש געטאָן אין שטערן.
ס׳האָט געזען עס די לעוואָנע,
די לעוואָנע מיט די שטערן.

ווי פארקישעפט כ׳בין געשטאנען
מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן.
גאָרנישט האָב איך ניט פארשטאנען,
נאָר צו דיר האָט מיך געצויגן.

ווי פארקישעפט כ׳בין געבליבן
אין די שאָטנס פון די צווייַגן.
האָסט געשעפּטשעט מיט די ליפּן,
איך זאָל שווייַגן, איך זאָל שווייַגן.

כ׳האָב געפּאָלגט דיך און געשוויגן.
ניט געשלאָפֿן, צי געשלאָפֿן.
אין דעם גראָז, ווי אין א וויגל,
די לעוואָנע איז צוקאָפּנס.

כ׳שלאָף, און ס׳כאָלעמט זיך מיר עפּעס,
אז א ווינט איז אָנגעפלויגן,
מיר א קינד געבראכט פון סטעפּעס
מיט צוויי גרויסע גרינע אויגן.

האָסט געשענקט מיר א מאַטאָנע
און א קוש געטאָן אין שטערן.
ס׳האָט געזען עס די לעוואָנע,
די לעוואָנע מיט די שטערן.

*

פונקט די זעלבע הויכע שטערן
און דער זעלבער ברעג.
כ׳גיי, און ס׳יאָגט זיך די לעוואָנע
אף דעם זעלבן וועג.

כ׳שרײַ אהו, — דו זאָלסט דערהערן,
נאָר דו הערסט מיך ניט.
לאכט מײַן עכאָ, לאכט ביז טרערן
און מײַן קאָל צעשיט.

אָט־אָ איז דער זעלבער ברונעם —
קילט און שטילט דעם דאָרשט.
ס׳איז דאָס וואסער ניט אנטרונען —
שטערן שײַנען דאָרט.

ניט מײַן שטערן שײַנט אין ברונעם,
כ׳ווייס דאָס גוט אַליין.
פון דער הייך איז ער אַנטרונען —
האַלט שוין בײַם פאַרגיין.

ס׳לײַכט מײַן שטערן איצט אַ צווייטן,
גייט אים נאָך פּוסטריט.
זאָל דאָס מאַזל אים באַגלייטן,
ווי מײַן שטילע ליד.

רויטע קאַרשן

רויטע קאַרשן פונעם בוים
כאַפּן אויס די קינדער.
דו האָסט אויסגעכאַפּט מײַן טרוים
גאָר אינמיטן ווינטער.

ס'האָט דער פראָסט נאָך אפּדערנאַכט
אויסגעמאָלט די שויבן.
זיץ איך, קוק איך, און מיר דאַכט —
כ'זע דאָ דײַנע אויגן.

ניט קיין אויגן אויפן גלאָז,
ניט דײַן בליק דײַן ליבער,
שניי און ביימער, פייגלען, גראָז
אויף דער שויב בלײַבט איבער.

עמעץ קלאַפּט צו מיר אין טיר,
כ׳לויף אַראָפּ געשווינדער.
עפּשער גייסטו איצט צו מיר?
ניין, עס קלאַפּט דער ווינט גאָר.

ווינטער־פויגל, פּלי אַפּגיך,
כ׳דאַרף קיין גראָז, קיין בוימער.
ס׳וועט די וואָר צעשמעלצן דיך,
כ׳זאָל ניט זײַן קיין טרוימער.

קיינער וועט דערפון ניט וויסן

— קיינער וועט דערפון ניט וויסן,
קום ארויס שפּאַצירן.
— בא דער מאַמען איז דער שליסל,
כ׳קאָן ניט גיין שפּאַצירן.

— דורך דעם פענצטער קריך אריבער,
שטעל זיך אף מײַן אקסל.
— כ׳שרעק זיך זייער, כ׳שרעק זיך, ליבער,
כ׳וויל ניט אפן אקסל.

— כ׳האָב געבראַכט דיר א מאַטאָנע,
קום, וועל איך דיר ווײַזן.
— ס׳איז ניטאָ היינט די לעוואָנע,
וועסט מיר מאָרגן ווײַזן.

— קום ארויס, כ׳וועל ברויגעז ווערן,
אויב דו וועסט ניט פאָלגן.
— פינצטער איז, ניטאָ קיין שטערן,
ניין, איך וועל ניט פאָלגן.

— אויב דו ווילסט ניט, ליג זיך שלאָפן,
וועט שוין גיין א צווייטע.
— ווארט, וואָס ביסטו דאָס אַנטלאָפן?
כ׳בין שוין לאנג א גרייטע.

בלעטער פאלן

זע, עס פאלן שוין די בלעטער
פונעם גרינעם בוים,
ניט אזוי די גרינע בלעטער,
ווי די זיסע פלוים.

ניט אזוי די פרישע זאפטן,
ניט די פלוים אליין,
ווי דאָס קערעלע דאָס ריינע,
וואָס איז מאַלע־כיין.

ניט אזוי דיַין ליכטיק פּאָנעם,
וואָס איז מילד און צארט, —
כ׳וועל געדענקען און וועל בענקען
נאָך דיַין ליכטיק הארץ.

*

זאָל דער שניי ניט שיטן,
זאָל דער ווינט ניט בלאָזן.
וועט מײַן גרינגער שליטן
אינעם וועג זיך לאָזן.

אינעם טאָל דעם ברייטן,
אין דעם שטילן ישעוו,
אינעם הויף פארשנייטן
ווינט מײַן טויב, מײַן קישעף.

אין צוויי גרויסע פוישטן
לויפט זי צו דעם פארקן,
קוקט ארויס אין דרויסן —
קאָן זיך ניט דערווארטן.

ס׳קאָן דער פראָסט אָן פינגער
קנײַפּן אירע באקן.
ס׳קאָן דער ווינט דער שפּרינגער
זי באם אויער פּאקן.

זאָלן שנייען שיטן,
זאָלן ווינטן ברומען,
כ׳וועל אָן פערד, אָן שליטן
קומען, קומען, קומען!

פון די אויגן טריבע
אויסקושן דעם טרויער,
איר דעם פלאם פון ליבע
אײַנרוימען אין אויער.

דער אַלטער זיקאָרן, דער גוטער זיקאָרן

ווער בין איך

ווער בין איך?
וואָס האָב איך געבראַכט
פאַר דער וועלט?
— א האָפערדיק האַרץ
אונטער לײַנענעם העמד.
ווי צוואַנגען געשטאַלטע,
שטאַרקע צווײַ הענט,
א מונטערן בליק,
צו דער צוקונפט געווענדט.

איידעס

1

אין לעצטן דריטל פון דײַן לאנגן לעבן,
ווען ס׳איז דער איקער שוין געגומען און געגעבן,
ווען ליכטיק ווערט דער מויעד, טונקעלער די ריזע, —
דו קוק זיך אום צוריק, אף דײַנע טעג די פריזע.
פארגעס די קליינלעכע פארלוסטן און פארדראָסן,
מעסט אויס דײַן וועג מיט יענע הארבע מאָסן,
וואָס ווייסן ניט קיין פשאָרע פון געוויסן, —
די שאָ געקומען איז, שוין צײַט צו וויסן,
צי ווּעסטו ווירדיק אָט די וועלט פארלאָזן,
דעם וואלד, דעם ווינט, דעם הימל און די גראָזן,
די ערד, וואָס האָט דײַן וועג אף זיך פארצייכנט,
דאָס פאָלק, וואָס האָט גענערט דיך מיט זײַן סייכל.

2

אין ווײַטער טונקלקײַט געווענדט כ׳האָב מײַן זיקאָרן,
און ס׳זײַנען מיך באַפאַלן אַלע מײַנע יאָרן
מיט בייזקײַט און מיט טײַנעס און מיט ביטל:
— האָסט ניט געוואָלט צי ניט געקאָנט אונדז היטן!
קיין פליגל ניט געגעבן אַף צו שטײַגן,
געצוווּנגען לײַדן און געהאָרכזאַם שווײַגן,
אַף אַלע וועגן אונדז צעבראָקלט און צעשאָטן,
אָפּט אָנגענומען שײַן פאַר טונקלען שאָטן,
און דעמלט, ווי אַ לאַסט, האָסט אונדז געטראָגן,
איז וואָס זשע פאַר אַ טערעץ קאָנסטו זאָגן?

3

איך האָב פאַרנייגט דעם קאָפּ — געהערט, געשוויגן
און ניט געוואגט צו מעלדן: ס׳איז אַ ליגן.
נאָר מאסקים זײַן כ׳האָב אויכעט ניט געקענט:
— כ׳האָב ניט געקעכלט אײַך, נאָר ניט פאַרשווענדט.
ניט אַלץ איז אין מײַן לעבן אײַך געפעלן,
נאָר איך בין גרייט צום מישפּעט הײַנט זיך שטעלן.

4

דער ערשטער אײדעס זײַן זאָלסטו, מײַן ערשטער צענדליק,
מיט דיר צוזאַמען האָט מײַן קינדהײַט זיך פֿאַרענדיקט.
אין הורבעס שניי כ׳האָב זיך מיט דיר געטראָפֿן,
אין טראַנטעס האָסטו מיך געהילט, אין זיי באַפֿוילן שלאָפֿן.
ווען כ׳האָב געבעטן פֿיסנע ברויט מיט קנאָבל —
א ביסן ברויט, ווי בא דער קראָ דער שנאָבל,
די קראָ, וואָס איז געשטאַנען אַף א צווײַג באַם פֿענצטער
און האָט געשראָקן מיך מיט טויזנטער געשפּענסטער, —
מיט הונגער און מיט אָנקום פֿון מילכאָמע
האָט זיך געשפּײַזט מײַן קינדערשע נעשאָמע.

5

גענאָסן האָב איך אויך פֿון יִכעס גלײַך פֿון וויגל:
דער גרעסטער קאַפּצן אַף דער וועלט — דער מוליער יידל.
זײַן שטוב — א פּאַלאַץ איז מיט דרײַ פּרינצעסנס,
מיט פּרינצן דרײַ — און אַלע ווילן עסן...
ניט לאַנג האָט זיך דער דאַלעס דאָ געיִישעוועט,
די מאַלקע אונדזערע, די מאַמע, גלײַך פֿאַרקישעפֿט —
זי אַלט און גרוי געמאַכט, אַז קיינער זאָל ניט מיינען,
אַז ערשט ניט לאַנג איז זי געווען א שיינע.

6

נו, און איך? דו ווייסט דאָך, איידעס, כ׳האָב געלעבט אין
טרוימען,
פאַר מײַן אויג און פאַר מײַן אויער ניט געווען קיין צוימען,
ס׳איז די קאַליוזשע באַם פאַרקן מיר געווען אַ האַפן,
און מײַן שיפל דאָס פאַפּירנס פלעג מיך ווײַט פאַרוואַרפן,
צו דעם יאַם, ווו די מאַטראָסן ראַנגלען זיך אין שטורעם.
יאָ, אַ ייִנגל פון אַ קאַפּצן, אָבער קיינמאָל אָרעם.
איידעס מײַנער, זאָג, ס׳איז עמעס? עפּשער זאָג איך ליגן? —
ס׳איז דער איידעס אָפּגעטראָטן און האָט שטיל געשוויגן.

7

איר אַליין נאַר, מײַנע לידער, איר וועט דאָך ניט לײַגן —
ניט קיין עמעס, ניט קיין שעקער וועט איר ניט פאַרשווײַגן.
נעמט אַנטפּלעקט מײַן וועלט, מײַן לעבן פאַר די פרײַנט און
סאָנים —
כ׳קום אַנטקעגן צו מײַן מישפּעט מיט אָן אָפּן פּאָנעם.

דער כאָסן

אז בערל בריינעס איז געקומען צונטער־רויט
און אַף א קאָל געשריגן, אז ער וויל א כאָסן ווערן,
איז בריינע, א דערשראָקענע אַף טויט,
אוועק הינטער דער הרובע און באַגאָסן זיך מיט טרערן.

— און וואָס וועט זיין מיט מיר, האָסטו געטראַכט?
ווו וועל איך קויכעס נעמען מיט א שנור זיך קריגן? —
אזוי האָט זי פון ווינקעלע ארויסגעשריגן,
נאָר אַף קיין ענטפער פונעם זון זיך ניט דערוואַרט.

ס'האָט בערל זיך געוואַלגערט אינעם בעט,
מיט די פּודאָווע פּיס פאַריסן אַף דער צאַרגע,
דעם גאַנצן טאָג קיין וואָרט ניט אויסגערעדט —
אז איידער אזא לעבן, איז שוין גלייכער שטאַרבן...

אָן אומגליק זאָל עס נעמען און געגוג,
אזא שלימאזל וועסטו מער ניט טרעפן,
אזוי איז זי, די מאמע, דאכט זיך, קלוג
און קומט צו עפּעס, איז כאָטש נעם דעם קאָפּ זיך עפן.

בּא אלע סטײַען קלאָלעס פאַר די זין,
פאַר טעכטער און פאַר שניר און פאַר די אייניקלעך אפילע.
און דאָ, אָט פּלאצן באלד די אָדערן בּא אים,
און נאָר דערפאַר, ווײַל ס'איז זײַן מאמעלע א שטילע.

דאָס קליינע מאמעלע האָט מיט דערשרעק
ארויסגעקוקט זיך פון איר טונקל ווינקל,
געשטעלט זיך באם צוקאָפּנס פונעם בעט,
באטראכט דעם רויטן קארק פון איר „בוהײַ" — איר ייִנגל.

— אוואדע ז'ער גערעכט, — האָט זי געשעפּטשעט קוים, —
פון צופיל בלוט עס קאָן די גאל זיך אים צעגיסן.
פונקט ווי דער טאטע — א צווײַג פון זעלבן בוים,
זי ווער שוין מוזן פון א שלאק א שנור געניסן.

זי האָט זיך צוגעזעצט, די שווערע הענט זײַנע געגלעט
און מיטן פארטעכל אים אויסגעווישט די אויגן:
— געגוג צו כליפּען, שטיי שוין אוף פון בעט.
בּא מיר האָסטו געפויעלט, מײַן טײַערער שפּילפויגל.

כ׳וועל שאבעס, מירצעשעם, מיט עסטערן זיך זען,
פיר שניר, ווי טעלעצעס, פארמאָגט זי,
איז זאָל זי מיר דערציילן וואָס און ווען,
פאר אלע פיר עס קלעקט איר קלאָלעס, — זאָגט זי.

האָט בערל בריינעס זיך א ריס געטאָן פון אָרט,
געכאפּט די אלטע אין די הענט די שווערע:
— א מאמע, זעסטו דאָך, פארבלייבט א מאמע פאָרט!
איז לעב מיר הונדערט צוואנציק יאָר און מערער.

נאָך היינט וועל איך פון בוינע ברענגען מאָזגלע ביינער,
זאָלסט אויסמאָקען דעם מארך, ניט לאָזן דאָרט קיין שפּור,
אז קיינמאָל זאָל ניט קאָנען זאָגן קיינער,
אז האָסט קיין קויעך ניט זיך שעלטן מיט דער שנור.

דאָס געזינדל

אָט זיצט זי, ביילע־הינדע פון די קלאָווים —
דער גרעסטער יִכעס בא די שינדער און קאַצאָווים.
זי זיצט זיך אַף דער פריזבע ברייט־צעפלאָסן,
גלייַך א פאס מיט קוואס
זי וואָלט אין בויך אַרייַנגעגאָסן.
זי שאָבט די פיש,
די ליסקעס אינעם פּאָנעם שפריצן,
און אירע רוגזעדיקע רייד —
ווי שאַרפע בליצן...
ווער נאָך איז אַף די פיסקעס דיק, ווי ביילע־הינדע?
און ווער פאַרמאָגט אַזעלכע וואַזשנע קינדער?
וואָס שייַעך יִכעס —
איז ניטאָ זיך וואָס צו שעמען,

און ווען עס געפעלט ניט —
זאָל ער ברענען!
דער מאן —
דער היצעל ביינעש־איצע
(כאָטש ס׳רופן אים די כניאָקעס: איצקע־טיטשקע) —
וועט אין גארטל צוואנציק יונגעמאנטשיקלעך פארשטעקן,
און טאָמער ווילט איר גאָר,
איז זאָלן זיי דעם שווייס אים לעקן.
נאָר ביילע־הינדע וועט נאָך האָבן א נעקאָמע —
איר בערעלע וועט אויסטרייסלען די סאָנים די נעשאָמע.
און כאָטש ער איז א שינדער אף דער בוינע,
וועט דאָס שענסטע מיידל זײַן אף אים א קוינע.
נאָך זײַנע טריט די מוידן שטארבן שוין אצינדער,
ווער נאָך פארמאָגט אזא מין קארק,
ווי בערע שינדער.
— ביינעש־איצע, — שרײַט זי, —
כ׳וועל באנאכט דיך ווארגן,
דו פרווו נאָר אָפגעבן דעם הונט דער אלטער קארגע.
דו האָסט געכאפט אים אין דער טיטשקע,
איז ער דײַנער,
און זאָל זי גיין צום ראָוו
מיט אירע טײַנעס.

כ׳וועל א גאָרזשעטקע פון דעם הונט זיך מאכן,
און זאָל די קליפּע וויסן,
ווי פון מיר צו לאכן. —
און ביינעש־איצע שוויַיגט.
עס קוועלט אים די נעשאָמע:
זיַין ביילעניו איז טאקע א כאכאָמע.

דער בודיאָנאָווען

אַז שליאָמקע שוואַרץ האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל
אין אַ בודיאָנאָווקע, אין אַ געלאַטעטן שינעל,
האָבן טאַטע־מאַמע און די גוטע שכנים
גענומען יאָמערן און וויינען.

— שליאָמקעלע, אַ בראָך אין דײַנע נירן!
דו הער אוף שפּילן זיך מיט פֿײַער... —
האָט שליאָמקעלע אַרויסגעכאַפּט דעם שפּײַער:
— היט זיך, קאָנטרע, אויב אײַך איז נאָך דאָס לעבן טײַער!

און ס׳האָט די מאַמע זיך צעפּאָכעט מיט די הענט,
ווי די ניטגוטע אַרויסגעיאָגט די שכנים.
און בײַ דעם זון געבעטן זיך:
— נעם, טו כאָטש אָן אַ וואַרעם העמד,
און טו, ווי דו פאַרשטייסט, און פרעג ניט קיינעם...

אז שליאָמקע שווארץ אריַנגעריטן איז אין ליק
אף א געפלעקטן אָגער, ווי מאָשיִעכס אייניק,
האָט די געלע כאנקע פון שויב ניט אָפּגעריסן
שוין איר בליק,
און בײדע גרויסע אויגן זיַנען געוועזן איר ווייניק.

און אז שליאָמקע שווארץ
איז ארויסגעריטן אפן גאלעכס פלאץ,
געשטעלט זיך אין דער ריי פון רויטארמייער,
האָט דאָס הארץ פון טוווע־הענדלער מייער
שיר־שיר פון ווייטעק ניט געפלאצט.

אז שליאָמקע שווארץ אוועק איז אפן פראָנט,
באגלייט עס האָבן אים די פיסקע־געסלעך,
און יוינע באָנדער האָט זיך גראָד דערמאָנט,
אז ניט איין רייף
האָט דער יונגאטש אראָפּגעכאפּט פון זיַנע פעסלעך.

אז שליאָמקע שווארץ איז שוין געוועזן באם גרינעם בארג,
געפּאָכעט מיט דער האנט, געזעגנט זיך מיט שכיינים,
האָט קינד־און־קייט געשריגן: „בלײַב געזונט און שטארק!..“
מעקויעם ווערט דער ווונטש, וואָס קומט פון הערצער ריינע...

עסטער, עסטעריניע די פּרינצעסן

מײַן פֿעטער פּיניע
איז אַ שוסטער,
ניט קיין פּראָסטער —
אַ באַוווּסטער.
זײַנע שיכעלעך אויף קנאַפּל —
נאָר צום גאַפֿן.
זײַנע שטיוועלעך פּאָר שפּאָרן —
שעמען אין דער וועלט
שוין יאָרן.

איינמאָל, גאָר אינמיטנדרינען,
קומט צו גיין צום פֿעטער פּיניע

עסטער, עסטעריניע
די פרינצעסן
מיט די לעקעלעך די דינע.
יעדער לעקל א ספּרוזשינע,
און שטעלט ארויף איר פּיסל אף זײַן קני,
ער זאָל א מאָס איר נעמען.
און זי, —
זי זאָל זיך אָנהייבן צו שעמען!..

פון דעמלט אָן
איז פּיניען ניט געוואָרן צו דערקענען.
אונדזער שוסטער
דער באַוווּסטער
קלאַפּט די פלעקלעך אין דער זויל
און וויל ניט טרינקען,
וויל ניט עסן —
און לאָזט גאָר ניט ארויס פון מויל
עסטער, עסטעריניע די פּרינצעסן.
און פון זײַן פענצטערל
צעטראָגט זיך אינעם געסל
זײַן לידל וועגן עסטער דער פּרינצעסן:

„אוי, עסטער, עסטערל מײַן גאָלד,
איך האָב דיך האָלט,
איך האָב דיך האָלט...“

און זי,
זי זיצט אַף דער פּיפּיווקע
אין די פּאַלייען,
וואָס אַף הינער־פּיסלעך שטייען,
און עסט אַ סקאָרינקע אַ שוואַרצע —
קיין קוילעטש קאָן זי ניט פאַרדייען,
עס קאָן כאָלילע ווערן קאַליע
איר אויסגעטאָקטע טאַליע.

נאָר ווען דער פּעטער פּיניע
האָט די שיכעלעך געבראַכט,
האָט עסטער די פּרינצעסן
זיי באַטראַכט
און האָט פון נאַכעס אויש געלאַכט...
און ער האָט אָנגעטאָן
דאָס שיכל אַף איר פּיסל
און האָט דעם בליק
פון איר ניט אָפּגעריסן.

האָט עסטער, עסטעריניע
די פּרינצעסן
אין אַלעמען, אין אַלץ פאַרגעסן
און זיך אַ וואָרף געטאָן
דעם פעטער אַף די אַקסל,
און איז צו אים אַזוי שוין צוגעוואַקסן.

פון דעמאָלט אָן
זײַנען פאַרגאַנגען יאָרן,
דער פעטער איז שוין גראָוו געוואָרן.
נאָר פון זײַן פענצטערל
צעטראָגט זיך אינעם געסל
זײַן לידל וועגן עסטער דער פּרינצעסן,
וואָס האָט אַ לעבן ניט דערשלאָפן,
ניט דערעסן,
און גליקלעך פאָרט געוועזן,
און גליקלעך פאָרט געוועזן.

פון מײַנע גיטער

װען כ'װאָלט געקענט דיך נעמען פאר א האנט
און דיך אװעקפירן אין קיניגרײַך פון אָװער,
זיך אומקערן צום קינדערשן פארשטאנד,
דיך ברענגען צו די כורװעס פונעם בראָװער,
װוּ יעדער גרויער שטיין האָט מיר דערציילט אליין,
אז ס'דוכט זיך נאָר, ער איז א פּראָסטער שטיין...

װען כ'װאָלט געקענט דיך פירן אין מײַן װעלט
פון אלע מײַנע אויסגעטראכטע גיטער,
אהין, װוּ ברויט און זאלץ האָט ניט געפעלט,
װוּ כ'בין געװוען פון טרוים דער היטער,
װוּ יעדע סטעזשקעלע, װאָס פירט פון שטאָט ארויס,
האָט מיר דערציילט, װי ס'איז די װעלט נאָך גרויס, —

אַט דעמלט וואָלסטו מער שוין ניט געשטוינט,
וואָס אומגעריכט עס איז מײַן דענקען און מײַן קלערן.
ניט נאָר אין וואָר, אין דוכטעניש כ׳האָב געוווינט,
איז הער א קאַפּעלע, אויב ס׳ווילט זיך הערן.

* * *

ווינטער, ווייסטו דאָך, איז קאַלט,
נאָר מײַנע קינדער־ווינטערס זײַנען קעלטער.
דער טאטע איז אוועק אין וואלד —
א האָלצהעקער געוואָרן אף דער עלטער.

און ס׳ווייסט דער פראָסט ניט פון קיין שפּאס,
ער קריכט אין שטוב ארײַן דורך טויזנט לעכער,
א ווילדער לויפט דער ווינט ארום אין גאס
און שינדט אראָפּ די שינדלעך פון די דעכער.

עס הוליען שיידים דורך די נעכט,
זיי טאָפּקען, פּײַפן אפן בוידעם.
איך קאָן דיר שווערן, כ׳האָב אליין געהערט,
ווי די לאנגעקיקע זיך סוידען.

ווען כ׳צי אַרוף די קאָלדרע אויפן קאָפּ,
זיי גליטשן זיך אַרײַן אַדורך דעם קוימען
און שפּרינגען פון דעם פּריפּעטשיק אַראָפּ —
שוואַרץ־אויגיקע און טונקל־ברוינע.

און זיי פּאַרוקן זיך אונטערן בעט,
זיי שפּרינגען פון דער שאַפע אויף דער הרובע.
און פונעם שלאָף די מאַמע עפּעס רעדט:
— וואָס ווילן זיי, די שיידים, פון מיר האָבן...

ווינטער, ווייסטו דאָך, איז קאַלט,
זיץ איך טעגווײַז אויפן אויוון.
עס קומט צו מיר צוגאַסט דער וואַלד
מיט יאָדלעס און בערעזעס אויף די שויבן.

און איך פאַרשטיי, וואָס עס באַטײַט איעדער שאָרך,
„גוט־מאָרגן״, „אַ גוט־יאָר״ — עס ווינטשן מיר דיביימער.
די יאָדלעס טוען מיט די לאַפּעס מיר אַ פּאָך —
דאָס לאָשן זייערס איך אַליין פאַרשטיי נאָר.

אַ וועוועריקע דאָס קעפּל שטעקט אַרויס
פון נעסט־טירל, באַהאַלט זיך צ׳ריק געשווינדער,
זי האָט געמיינט, דער ווינטער איז שוין אויס —
אויך איר איז נימעס שוין דער ווינטער.

* * *

ווינטער, ווייסטו דאָך, איז קורץ דער טאָג,
קומט צו אונדז צוגאַסט די שכיינע דווירע.
שוין צוועלף כאַדאָשים, אַז זי טראָגט —
זי וועט אַ לאָשעק האָבן, האָט זי מוירע.

זי שטריקט אַ זאָק און כאַפּט אַ קוק אַף מיר,
זי וויל מיסטאַם אַ סאָד דער מאַמען זאָגן...
זי הערט זיך איַין, צי קלאַפּט מען ניט אין טיר,
צי פאָרט נאָך ניט דער מאַן מיט פערד־און־וואָגן.

איציק אָדלער — רופט אים קליין און גרויס,
און פון זיַין גווורע רעדט מען ווי פון וווּנדער.
מע זאָגט, ער האָט פאַרשפּאַרט די טיר פון ברויז
מיט אַ שטייך פון אַ פוד הונדערט.

דער גוויר רעב שימשן האָט זיך דאַן געקלאָגט:
— איך וועל דיר, איציק, דאָס ניט שענקען!
דער טרעגער האָט זיך אויסגעדרייט, ווי איינער זאָגט:
קענסט קושן מיך... און פאַרגעדענקען.

* * *

ווינטער, ווייסטו דאָך, איז אומעטיק אַזוי,
זיצט בא אונדז די שכיינע, פּונקט ווי נעכטן,
קליינע שיכעלעך זי פלעכט פון שטרוי
און ווערט אַנדרעמלט אינעם מיטן פלעכטן.

און דעמלט קומט דער אָדלער, דווירעס מאַן,
און נעמט זי אַף די הענט, ווי אַ מאַטאָנע.
ער טראָגט זי פאַרזיכטיק מיט שטילע שפּאַן,
און ס׳קוקט אַף זיי און ס׳שמייכלט די לעוואָנע.

* * *

פרילינג, ווייסטו דאָך, נאָר קאָנסט דען וויסן,
וואָס טוט זיך מיט אַ יִנגל גאַנצע טעג?
ווי פון אַ קייט זיך אָפּגעריסן —
גאַס־אויס, גאַס־אײַן, אין האַסטיקן געיעג.

אין שטאָט זײַנען אַרײַן די ווײַספּאָליאַקן.
נאָר פרילינג איז דאָך פרילינג פאָרט,
איז דאַרפן זיי דאַן גראָד דעם טאַטן פּאַקן
און מיט אַ שווערד אים אָפּשינדן די באָרד.

כ'ליפּעט ער, דער טאַטע, קיינער זאָל ניט הערן...
איך ווייס, אַ מאַנצבל טאָר ניט וויינען אַף אַ קאָל.
דער טאַטע וויינט ניט, נאָר באַ מיר עס רינען טרערן,
און כ'וועל אַליין אַ גרויסער מיטאמאָל.

* * *

אַט דעמלט, ווייסטו דאָך, האָט זיך געוויגט די ערד,
ס'האָט לעבנס רוף באַ מיר אין האַרץ געקלונגען.
מײַן ברודער האָט געזעצט זיך אַף אַ פערד,
אַוועק מיט דרייסטע, מיט בודיאָנעס יונגען.

און איך בין לאַנג געלאָפן מיטן שליאַך,
באַגלייט די רײַטערי, געפאָכעט מיטן היטל.
און אין די נעכט האָב איך אַ מיטל צוגעטראַכט,
ווי פאַטערן דעם סוינע, צוגעטראַכט אַ מיטל.

איך וואָלט דעם סוינע אינעם פעלד פאַרנאַרט,
דאָס פעלד פאַרזייט מיט מעכטיקע מאַגניטן,
אַט דאָרטן וואָלט געווען די לעצטע שלאַכט,
די ערד דעם סוינע וואָלט אַף אייביק שמידן.

* * *

אָט דעמלט, ווייסטו דאָך, איז אַלץ געווען קאַרג,
געפעלט האָט ברויט און זאַלץ, געפעלט האָבן קאַרטאָפל.
נאָר גרינג איז אונדז געווען צו אופהייבן א באַרג,
ווײַל ס'איז געווען, אַף וואָס צו האָפן.

ס'האָט איציק אָדלער אין דעם הויז פון שימשן גוויר
גערופן פון באַלקאָן: — זאָל לעבן לענין! —
מיר האָט געכאָלעמט זיך, עס עפנט זיך די טיר,
און לענין קומט אַרײַן, און איך דערקען אים.

ער נעמט מיך פאַר א האַנט און ברענגט מיך אין א סאָד
מיט פרישע עפל, ערשט באַשפּריצט פון רעגן,
זיך צורירן צו זיי עס איז א שאָד,
נאָר לענין זאָגט: — סע איז פאַרדינעטוועגן.

און אײַנגעבאַקן ס'איז געוואָרן אין מײַן האַרץ
דער נאָמען זײַנער שוין אַף אַלע יאָרן,
און אַלץ, וואָס ליכטיק איז און צאַרט,
האָב איך געזען אין לעבן אין זײַן קלאָרן.

* * *

געדענקסט דאָך, ס'האָט געוויינט די וועלט,
ווען ס'איז אין מאָסקווע לענין ניט געוואָרן.
כ'האָב דאן פארלאָזט מיין טאטנס שטיל געצעלט
און אף א בופער דריי מעסלעס געפאָרן.

און, ווי א מייזעלע א קליינס, אין הורבעס שניי,
כ'האָב צו דעם רויטן פלאץ זיך דורכגעשטויסן,
פון דעמלט לעבט אין מיר דער גרויסער ווי
און גרויסע ליבשאפט צו דעם הארץ דעם גרויסן.

און אויב איך האָב זיך ניט מיט וואָס צו גרויסן,
וועל איך בארימען זיך, וואָס איך האָב אים געזען.
און מיין נעשאָמע וועט שוין גאָרנישט ניט אנטוישן,
ווייל אף דער ערד איז ער מיט אונדז געווען.

* * *

ווען איך וואָלט קענען אויסמאָלן מיין וועלט,
דיך דורכפירן דורך אלע פלאָנטער־צוימען,
דורך אלץ, וואָס איך פארגעטער און פארשעלט,
דורך דעם געוועב פון וואָר און מיינע טרוימען,

דיר אופשליסן די טויערן פון מוי׳ך,
ווו ס׳איז פארשלאָסן טײַנעג און פארדראָסן,
די נעסט, ווו ס׳ליגט דער סאָד פון לעבנס־קוי׳ך,
אנטפלעקן אלץ, וואָס דאָרטן איז פארשלאָסן, —

דו וואָלסט געזען, ווי רײַך עס איז מײַן גוט,
אז ניט קעדײַ איז ווען־עס־איז צו שטארבן.
דו האר פון לעבן, יעדע דײַן מינוט
עס בלענדט מיט טויזנט שימערדיקע פארבן.

*

דו לאכסט פון מיר, וואָס כ׳זאָג, אַז ער איז שיין,
דער גרויער, שטויביקער און וואַכעדיקער שטיין.

און ארום שטיין די קאַליוזשע די גרינע,
באדעקט מיט ליסקע־בלעטעלעך מיט דינע.

דער סאָד איז פראָסט, און גרינג איז אים פארשטיין —
אמאָל איז דאָ געווען מײַן היים.

אמאָל איז דאָ א הײַזקעלע געשטאנען,
און צוויי צעקריגטע ברויגעזע קאשטאנען

געבייזערט האָבן זיך פון פרי ביז נאכט.
אין הייסע טעג כ׳האָב טרינקען זיי געבראכט

און זיי געבעטן: — בעט זיך, בעט זיך איבער...
אָט איצט פאַרשטייסטו שוין, מײַן ליבער, —

ס׳איז שיין ניט דאָס, וואָס איז נאָר שיין,
נאָר דאָס, וואָס איז דײַן הארצן ליבער.

*

כ׳האָב קינדווײַז זיך צעקלאפּט א פוס אָן שטיין,
דער שטיין איז מיט מײַן בלוט פארלאָפן.
א פויגל האָט זיך אײַנגעהערט אין מײַן געוויין,
דערפון א ליד געמאכט און איז מיט איר אנטלאָפן.

געוואָרן אייגן איז דער שטיין און יענע ליד,
די טרער, וואָס איז אין שטויב אראָפּגעפאלן.
די טוי־פּערל אין ווייכן גראָז צעשיט —
איך זע נאָך איצט אין אָפּגלאנץ פון די שטערן.

און ליב באקומען האָב איך אָט די וועלט —
די וווּנדערלעכע, הארבע, שטרענגע.
פון מײַן באלופקעלע, מײַן קליין געצעלט,
ווו דינע פּאסמעס שפּינוועבס פלעגן הענגען,

האָב איך מיר אויסגעבויט א הויז פון בלויז קרישטאָל,
א שותּף מיטן הימל כ׳בין געוואָרן.
געבראַכט אַהין דעם הויך פון מײַן אַמאָל —
א קלומעקל א ציטעריקס פון מײַנע קינדער־יאָרן.

איך וועל ניט קומען אין מײַן אַלטער נעסט צוריק,
איך וועל אַהין זיך קיינמאָל שוין ניט קערן,
נאָר אין מײַן קלײנעם קלומעקל פון גליק
איך היט מײַן קינדהײַט, ווי דעם העלסטן שטערן.

אפסניַ

צי האָט איר ניט געזען, צי האָט איר ניט געטראָפֿן
א ייִנגל מיט א רייפֿל יאָגן פונעם באַרג?
ער איז קאַיאָר נאָך פון דער שטוב אנטלאָפֿן
א זומער־טאָג — א יאָר איז פאַר אים קאַרג.

צי האָט איר ניט געזען, צי האָט איר ניט באגעגנט
א שוואַרציִנקן, א באָרוועסן און אָן א העמד?
די הויט פאַרברענט, פון קאָפּ ביז פּיס באַרעגנט —
ווען איר וואָלט אים באגעגנט, איר וואָלט אים באַלד דערקענט.

די הירזש איז אפן פריפעטשיק פאַרקליאַקנעט שוין געוואָרן,
צעדולט איז ער, דער מאַמזער, פון זינען גאָר אַראָפּ,
א באָכערל שוין פון אַזויפיל יאָרן
זאָל האַלטן פייגעלעך און באַבעלעך אין קאָפּ.

די מאמע בייזערט זיך, דער טאטע ז'ניט צופרידן,
נאָר גיי דערציייל זיי, אז זומער איז אצינד,
אז שפּרינגערלעך אין גראָז עס שפּילן פידל,
אז זאט בין איך א גאנצן טאָג פון ווינט.

איז שפּיליע איך אליין זיך אָפּ די הייזלעך
און צי זיך אויס געהאָרכזאם אף דער באנק.
וואָס זײַנען ווערט די שמיץ? א גאָרניט, אייסעך-ווייסעך!
דער טאטע האָט א שווערע, נאָר א גוטע האנט...

פאר אָט דער פרײַז וועל איך א גאנצע וועלט זיך קויפן,
איז האָב איך אף די שמיץ ניט קיין פארדראָס.
פארטאָג כ'וועל ווידער צו דעם טײַך אנטלויפן
באהאלטן זיך אין טערפּקע גראָז.

און קוקן, ווי די מורעשקעס זיך מיִען,
זיך צוהערן, ווי ס'קלינגען טראָפּנס טוי,
און נאָכשפּירן דער שפּין, וואָס וועט איר פּאָדעם ציִען,
כ'וועל ליגן אף דער פּלייצע גלאט אזוי.

די אויגן מײַנע זאָלן ווערן בלויע,
פּונקט ווי דער הימל איבער מיר,

עס זאָל מיך נאָגן אזא זיסער טרויער,
אז דוכטן זאָל זיך — איבער וואָלקן איך שפּאציר.

איז זאָל זיך בייזערן מײַן גוטע מאמע,
און זאָל דער טאטע שמײַסן מיך געטרײַ.
אזוי־אָ פירט זיך שוין די וועלט מיסטאמע...
ווי הייבט מען אָבער אָן דעם קאָן אפּסנײַ?

*

באוואָרפט מיט שטיינער מיך אפילו —
אַלציינס וועל איך דערזינגען מײַן געזאַנג.
כ׳וועל אויסדיכטן אַזאַ מין טפילה —
פון שטיין זאָל אויסוואַקסן אַ זאַנג.

אינהאלט

א גרינע צי א ווײַסע

דער גרעסטער וווּנדער 5
דאָס בײגעלע פּאַפּיר 7
אויב זײַן א שטיין 9
א גרינע צי א ווײַסע 10

יאם־לידער

1. מײַן ווילן 13
2. שוואַכים 14
3. גאָלד מיט זילבער 16
4. יאם־שטײנדלעך 18
5. געבעט 19
6. העפקער 20
אלעקסאנדער מאטראָסאָוון 21

ברויט 23
פארוואָס נייגן זיך דיביימער 25
קלאַנג און פארב 27
א זעונג 28
עס גייט דאָס אייַז 29
צו א זינגערן 31
דער אָפּשייַן פון טייַך און פון מייַנע אויגן 33
„דער ווייַנשלבוים, וואָס קלאַפּט אין מייַנע שויבן...“ 35
„אין טיפעניש פון וואלד...“ 36
„אין הארטן שטיין פון הויכן בארג...“ 38
דאָס ערשטע שטערנדל 39
איך בין א בערדיטשעווער 41
א שווארצע קראָ 44
בין איך ניט אליין 46
„ווינטער, ווען עס בלאָזט און ברומט...“ 48
„דער וואלד האָט זיך דערשראָקן פאר דער קעלט...“ 50
„פארווייט איז די גאס, און ס'איז נאכט...“ 52
אלע פענצטער אויסגעלאָשן 54
„אין שאָטן פון וויִעס באהאלט זיך דאָס אויג...“ 55
נאָך א רעגן 56
לופט־שלעסער 57
אייגענע רונצעלעך 58
ס'איז באלד שוין מארט 61
„ניט מיט קיין ווערטער...“ 63
ניט שולדיק איז דער טינט 65
פרילינגדיקע קלאַנגען 67

„יאָ“ צי „ניין“ 69
קאווקאז 71
דער בויער 73
פאַרטאָג 76
איך זאָל ניט בענקען 78
פאַר א רעגן 80
אָנהייב פרילינג 82
איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט 84
דער פויגל און מײַן טרוים 86
„ווי הויך ס׳זאָל זיך ניט אופהייבן דער פויגל...“ 88
„פאַרשניטן כ׳האָב די זעג אין שטאָם...“ 89
פענצטער 91
א טעלעפאָן־געשפּרעך 93
„איך צייל ניט די צאָל פון די יאָרן...“ 96

ווען ס׳פאלט א שטיין

„פון הויכן באַרג, ווען ס׳פאַלט א שטיין...“ 99
„דער ווייטעק דער טיפער...“ 101
איך ווייס דעם סאָד פון קלוגן בוים 103
„נאָר דו האָסט ניט געלײַגט...“ 105
„— דו ווייסט דען ניט, דו ווייסט דען ניט דערפון?...“ 107
א קענדל טיי 109
די פען 111

„דו ווייסט?..“ 112
ניט מיר איז נאָך באשערט 114
באגעגעניש 116
צו א געוועזענעם פרײַנט 118
מײַן שאָטן 121
שוועסטער מײַנע 122
לייעלע 125
ס'איז שטיל אין פּאָנאר 128
ווי זאָל איך אָנקלאפּן צו דיר 131
כ'קום צו דיר אין געסל 133
שפּיל, כאַימקע 135
„לאָך ניט, מײַן פרײַנט...“ 138
„דער ווי ווערט געלאָשן...“ 140

דער זיבעטער הימל

איך האָב פארשטאנען 145
דײַן ליבע 147
די אויגן 149
„ווײַל דו ביסט מיר אייגן...“ 151
וואָס דער פידל דערציילט 153
„האָסט געפילט...“ 155
אף דער טולפאנען־גאס 157
„אזוי איז אײַנגעשטעלט...“ 159

„אומזיסט כ׳צי אויס די האנט...“ 161
„איך בין שוין אָפּגעווינט...“ 163
די מאָס פאר ליבע 165
לעש ניט אויס דאָס פײַער 167
„פאמעלעכן גיי איך“ 169
נאָך לאנגע יאָר צעשיידונג 171
א בריוו 173
א שפאס 175
ארטאשעס 178
ווער צווינגט עס דיך 180
ניט אומיסטן 182
„די ליגנערטע — די האָפענונג...“ 184
אײַנגעאקשנט־אײַנגעשפארט 186
צווייפל 189
„כ׳וועל אוועק אין די בערג...“ 191
עס קאָן געשען אזוי 193
א טראָפּן פרייד 195
„די פיס אף דער קאנאפע אונטער זיך...“ 197
א צוג איז דורכגעגאן 199
לאָמיר פאמעלעכן גיין 202
א שניי איז געגאנגען 205
באנאכט האָט געזונגען א פרוי 206
דאָס טעלערל פון הימל 208
„כ׳האָב ערגעץ שוין אמאָל געזען...“ 210

פֿאָלקס־מאָטיוון

„ריידן איז זילבער...‟ 213
ווײַל עס איז מיר גוט מיט דיר 215
שיילסט קאַרטאָפֿל — שייל 218
דווירעלע לאַכט 219
לאָם־צי־דעראָם 221
זײַ געזונט 223
זײַנע אויגן אויכעט בלויע 225
נאַרעלע 228
א מאַטאַנע 230
„פֿונקט די זעלבע הויכע שטערן...‟ 232
רויטע קאַרשן 234
קיינער וועט דערפֿון ניט וויסן 236
בלעטער פֿאַלן 238
„זאָל דער שניי ניט שיטן...‟ 239

דער אַלטער זיקאָרן, דער גוטער זיקאָרן

ווער בין איך 243
איידעס 244
דער כאַסן 248
דאָס געזינדל 251
דער בודיאָנאָוועץ 254
עסטער, עסטעריניע די פּרינצעסן 256

פון מײַנע גיטער 260
„דו לאכסט פון מיר, וואָס כ׳זאָג, אז ער איז שײן...“ 269
„כ׳האָב קינדווײַז זיך צעקלאפּט א פוס אָן שטײן...“ 271
אפסנײַ 273
„באוואָרפט מיט שטײנער מיך אפילע...“ 276

С(Евр)2
Г65

Гонтарь

Аврам Юткович

ГОЛУБИ НА КРЫШЕ

(На еврейском языке)

М. «Советский писатель» 1969 г. 284 стр.
Тем. план выпуска 1968 г. № 262.

Художник Е. И. Коган

Редактор *М. Я. Шульман*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *А. М. Токер*
Корректор *А. Б. Стрельник*

Сдано в набор 11/VII 1968 г. Подписано к печати 12/II 1969 г. А 06012. Бумага $60 \times 90^1/_{32}$. № 1. Печ. л. $8^7/_8$. (8,88). Уч.-изд. л. 5,39. Тираж 3 000 экз. Заказ 556. Цена 59 коп. Издательство «Советский писатель» Москва К-9, Б. Гнездниковский пер. 10
Московская типография № 7 Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.

7-4-3
262-69